פולע טאבעלע פון דער מלוכה־לאטעריע זעה 9 זייט

opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 221 | Łódź, Wtorek, 20 września 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, י״ט אלול תרצ״ב | № 221

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

טומעל צוליב די דייטשע פאדערונגעז

ענגלאנד וויל מאכעז שלום. — פראנקרייך איז צופרידעז מיט דער ענגלישער נאטע. — אמעריקא בעדויערט. — וועט די ענטוואפנונגס־קאנפערענץ פארקומען?

הענדערסאנ׳ס בריף צום דייטשעז אויסערן־מיניסטער

פאריז, 19 (ספ. טעל.). די ענטוויקלונג פון די געשעהענישען אין דייטשלאנד ווערט שטארק קאמענטירט אין דער פראנצויזישער עפענטליכער מיינונג.

העריא מאכט נישט קיין סוד פון דער דראהענדער אינטערנאציאנאלער לאגע. העריא איז א רויסגעטרעטען מיט א גרויסער עקספאזע אין די אויסערן־קאמיסיעס פון פארלאמענט און סענאט. העריא האט זיך אויך פערפליכטעט צו פערעפענטליכען געהיימע דאקומענטען וועגען דער דייטשער בעוואפענונג.

עטליכע פראנצויזישע און שווייצארישע פובליציסטען האלטען, אז דער ציל פון דער דייטשער פאדערונג וועגען גלייכבערעכטיגונג פון די בעוואפענונגען, איז צו פערניכטען פוילען.

איינדרוק פון דער ענגלישער נאטע

בערלין, 19 (ספ. טעל.). דער קאטעגארישען טאן פון דער ענגלישער נאטע און ספעציעל די נעגאטיווע שטעלונג צו די דייטשע פאדערונגען וועגען דער גלייכקייט אין דער בעוואפענונג, האבען אין די דייטשע פאליטישע קרייזען געמאכט א גרויסען רושם. די דייטשע קרייזען זעהען איבעראשט פון טאן פון דער נאטע און פון פרוב פון דער ענגלישער רעגירונג צו צוואנגען דייטשלאנד אנטיילצונעהמען אין דער ענטוואפענונגס־קאנפערענץ.

די פראנצויזישע פרעסע שרייבט וועגען דעם

פאריז, 19 (ספ. טעל.) די פראנצויזישע פרעסע שרייבט מיט צופרידענקייט וועגען דעם ענגלישען ענטפער. „עקא דע פארי" שרייבט, אז די ענגלישע נאטע איז א דיפלאמאטישער דאקומענט, וואס איז אמבעסטען פארמולירט געווארען. ענגלאנד ווייזט אויף, אז דייטשלאנד האט נישט קיין רעכט, אויפ׳ן יסוד פון ווערסאלער טראקטאט צו שטעלען אזעלכע ווייטגעהענדע פאדערונגען, א שטיקעל אונצופריעדענהייט הערשט נאר מיט עטליכע ווערטער אין דעם ענגלישען דאקומענט, וואו ענגלאנד פאדערט אנצוהויבען צו אונטערהאנדלען מיט דייטשלאנד אויף די נייע בעדינגונגען. ענגלאנד קירעוועט זיך מיט מאראלישע ארגומענטען.

די פראנצויזישע צייטונגען טרעטען ארויס געגען דעם, אז דער ענין זאל איבערגעגעבען ווערען דעם האגער טריבונאל.

אין אמעריקא

וואשינגטאן, 19 (ספ. טעל.) די ענגלישע נאטע איז גינסטיג אויפגענומען געווארען דורך די פאליטישע קרייזען אין אמעריקא. מען האלט דארט, אז איצט קען אויסגעארבייט ווערען א פלאן, וועלכער וואלט בעוואוגען דייטשלאנד אנטיילצונעהמען אין דער ענטוואפענונגס־קאנפערענץ.

די ענגלישע נאטע ווערט איבערגעגעבען די מלוכות

לאנדאן, 19 (ספ. טעל.). „דיילי טעלעגראף" שרייבט, אז די דעקלאראציע פון דער ענגלישער רעגירונג, וועט איבערגעגעבען ווערען גלייכצייטיג דייטשלאנד, פראנקרייך און איטאליען. אין די נאהענטסטע טעג וועט די נאטע אויך איבערגעגעבען ווערען די אנדערע מלוכות.

אמעריקא און די ענטוואפנונגס־קאנפערענץ

ניו־יארק, 19 (ספ. טעל.). צווישען פארשטעהער פון אמעריקא און ענגלאנד זענען, נאך פאר דער פערעפענטליכונג פון דער ענגלישער נאטע, פארגעקומען געשפרעכען וועגען בעגרעניצונג די בעוואפענונגען. אמעריקא שטרעבט, אז די ענטוואפענונגס־קאנפערענץ זאלדאך פארקומען. די סיבה פארוואס אמעריקא איז אזוי שטארק פעראינטערעסירט, אז די ענטוואפענונגס־קאנפערענץ זאל פארקומען איז די אלוועלטליכע ווירטשאפטליכע דעפרעסיע. אין אמעריקא בעדויערט מען, וואס דייטשלאנד איז גראד איצט ארויסגעטרעטען מיט איהרע פאדערונגען, ווייל מ׳האט גערעכענט דערמיט, אז די איצטיגע סעסיע פון דער ענטוואפענונגס־קאנפערענץ וועט געבען גינסטיגע רעזולטאטען.

ג ע נ ף, 19 (ספ. טעל.) דער פארזיצער פון דער ענטוואפענונגס־קאנפערענץ הענדערסאן האט היינט געשיקט א בריף צום דייטשען אויסערן־מיניסטער פאן נייראט אלס ענטפער אויף דייטשלאנדס בריף וועגען צוריקציהען זיך פון די ארבייטען אין דער ענטוואפענונגס־קאנפערענץ. הענדערסאן בעדויערט דעם בעשלוס פון דייטשלאנד וועגען דער ענטוואפענונגס־קאנפערענץ. ווייטער פאלעמיזירט הענדערסאן מיט דעם דייטשען שטאנדפונקט און האלט, אז דייטשלאנד וועט נאך ענדערען זיין מיינונג.

צו דער חתונה פון מיין ליבען פריינד

ה׳ מענדל שאנטאל

מיט פרל. מינדל קופער

ווינש איך א גליקליך צוזאמענלעבען

נטע פייוועל טשארנאבראדי

Dr. med. ST. HEINRICH

ספעצ. פאר קינדער און אינערליכע קראנקהייטען

פיזיקאלישע טעראפיע

צוריקגעקעהרט

נעהמט אן פון 11–1 מיטאג און פון 3–7 אוונד

פאמארסקא 10, טעל. 147 67.

פאר אונבעמיטעלטע — הנחות. 5786

Dr.

B. Robinzon

צוריקגעקעהרט

פיעטריקאווער 10, טעל. 131-86

נעמט אן פון 3–4 נאכמ. און פון 6½–7½ נאכמ.

מאשין־מצות

ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דיבע ווי אויך מצה־מעהל, אייער־פערפל און סוכארקעס

לויט קארלסבאדער סיסטעם.

מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט־בעקאנטע און אלערליי פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראל־בעוואוסטער

צוקערניע

ב. ווייגבערג

38 פיעטריקאווער 38

טעל. 143-82.

די לאנג־בעוואוסטע רעליגיעז־נאציאנאלע ערציהונגס־אנשטאלטען

קאצענעלזאן־נאחומאב

7־קלאסיגע מענער־שולע און רעליגיעזער חדר

8 נאד־לודקא 8

(צווישען נאוואמיעסקא און וואלבאדניא)

טעלעפאן 177 01

ס׳ווערען אנגענומען יונגלעך פון 3 ביז 15 יאהר

פון 3 יאר אין גן־ילדים־פרעבלשולע פון 5½ יאהר אין א ספעציעלע פארבערייטונגס־קלאס A⁰

פון 7 ביז 15 יאר—אין אלע 7 קלאסען

איינשרייבונגען נאד־לודקא 8, טעלעפאן 177·01

אין די שעה׳ן 11–2 נאכמ.

7־קלאסיגע קאעדוקאציאנס־שולע

און בעקאנטע מוסטערהאפטע פרעבעל־שולע־גן־ילדים

20 פאמארסקא 20

(דורכגאנג דורכ׳ן הויף — סאלאן 4)

קינדער פון 3 ביז 15 יאהר ווערען אנגענומען פון גן־ילדים אן־ ביז צו דער 7־טער קלאס.

איינשרייבונגען פאמארסקא 20

(דורכגאנג סאלאן 4)

אין די נאכמיטאג־שעה׳ן 3–6.

פאר גאלד, בריליאנטען, בריזשוטעריע און לאמבארד־קוויטעס

צאהלט די העכסטע פרייזן

איזידאר פיאלקא

פיעטריקאווער 7. 6703

Dr. Wajnberg

ספעציאליסט פון הארץ־ און לונגען־קראנקהייטען

ציגעל־גאס 11, טעל. 126·02

נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אוונד.

נאך קורצע און שווערע ליידען איז מוצאי שבת ק׳, דעם 17. סעפטעמבער געשטארבען אין לוטאמירסק און דארט צו קבורה געקומען אין עלטער פון 68 יאהר אונזער ליבע מוטער, שוויגערמוטער און גרויסמוטער

נ. ע.

בלימה פייגה פיטלאוויטש

(געבוירענע לאטענבערג)

וועגען וואס עס טיילען מיט די אין טיפען טרויער פערבליבענע

קינדער און אייניקלעך

5663

דאנקזאגונג.

דעם הויפט־דאקטאר פון קליניק אויף נאווא־טארגאווא 13

ה׳ ד״ר אראנסאן

ווי אויך די עלטסטע־שוועסטערן און שוועסטערן פאר זייער פרוכטבערע היקף און אויפזיכט דריקען אויס דעם הארציגסטען דאנק

מאניא און אברהם דיאמאנט.

5678

8־ונג, שטעפער־מייסטער!

היינט, דינסטאג, דעם 20־טען ד. ח. 8.30 אוונד קומט פאר אין לאקאל פון צענטר. האנדוו.־פערבאנד (פאלודניאווא 4) די

אלגעמיינע פערזאמלונג

טאג־ארדנונג: 1) ערעפנונג; 2) וואהלען פון א פערוואלטונג; 3) לוסטראציע פון די ווערקשטעלען; 4) די פראגע פון פערקלענערען דירה־געלד; 5) בוכפיהרונג פאר האנדווערקער; 6) פערשידענעס.

צוליב די וויכטיגע ענינים ווערען אלע מיטגלידער געבעטען אונבעדינגט צו בעזוכען די פערזאמלונג.

5679

פערפומעריע

BUCHWAJC

i Rotenberg

11 ליסטאפאד 13 (קאנסטאנטינער)

טיילט מיט דער ג׳ קונדשאפט, אז זי בעזיצט אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל פון אלע

קאסמעטישע ארטיקלען

צו זעהר צוגענגליכע פרייזען!

דער דעפיציט פון מלוכה=בודזשעט

בעטרעפט ביז היינט 163 מיליאן זלאטעס

וואַרשאַ, 19 (טעלעפאָניש)

אין די האַלב-אָפיציעלע צייטונגען האָט זיך בעוויזען א נאָטיץ, אַז דער בודזשעט פון מלוכה-אוצר אין חודש אויגוסט בעטרעפט 18 מיליאָן זלאָטיס. ווי מיר דערוויסען זיך שטעלט זיך דער ענין פאַר גאַנץ אַנדערש. די הכנסה האָט אין חודש אויגוסט בעטראָפען 162 מיליאָן 320 טויזענד זלאָ-טיס, די הוצאות 180 מיליאָן 806 טויזענד זל. אַזוי אַז דער בוכהאַלטערישער דעפיציט האָט טאַ-קע בעטראָפען נאָר 18 מיליאָן זלאָטיס. דער פאַק-טישער דעפיציט בעטרעפט אָבער מיט 20 מיליאָן זלאָטיס מעהר, ווייל די רעגירונג האָט אויסגענוצט 20 מיליאָן זלאָטיס פון איהר קרעדיט אין „באַנק פאָלסקי".

פון אַפּריל ביז סעפּטעמבער בעטרעפט דער בוכהאַלטערישער דעפיציט פון דער מלוכה 93 מיליאָן זלאָטיס, דער פאַקטישער 163 מיליאָן, ווייל די רעגירונג האָט אויסגענוצט 70 מיליאָן פון איהר קרעדיט אין „באַנק פאָלסקי".

נישט ערלויבט צו עפענען דעם לעהרער-סעמינאר

ביי דער ווארשעווער קהלה

וואַרשאַ, 19 (טעלעפאָניש)

דאָס בילדונגס-מיניסטעריום האָט נישט ער-לויבט צו עפענען דעם לעהרער-סעמינאַר ביי דער וואַרשעווער קהלה.

„אפענע טירען" אין מאנדזשוריען נאר פאר יאפאנער

קיין אנדערע וועלען זיך דארט נישט קענען בעזעצען

פּאַריז, 19 (ספּ. טעל.)

דאָס מאַנדזשורישע אויסערן - מיניסטעריום טיילט מיט, אַז נעכטען איז אַרויסגעפאָהרען קיין בלאַגאָווישטשענסק דער ערשטער קאָנסול פון דער נייער מלוכה, וועלכער האָט שוין בעקומען די סאָוויעטישע וויזע. דער הסכם פון די סאָוויעטען צו שאַפען מאַנדזשורישע קאָנסולאַטען אין בלאַגאָ-ווישטשענסק, וולאַדיוואָסטאָק און טשיטאַ קאָמענ-טירט מען אַזוי, אַז די סאָוויעטישע מלוכה איז נוטע צו אַנערקענען די מאַנדזשורישע מלוכה.

לאָנדאָן, 19 (ספּ. טעל.)

דער יאַפּאַנישער אויסערן-מיניסטער אַסאַשי האָט ערקלערט אויף א פּרעסע-קאָנפערענץ אין טאָקיאָ, אַז דער פּרינציפּ פון אָפענע טירען אין מאַנדזשוריע וועט פערפליכטען נאָר בנוגע יאַפּאַנער. די בירגער פון דעם לאַנד וועלכע וועלען נישט אַנערקענען מאַנדזשוריע, וועלען נישט האָבען קיין רעכט זיך צו בעזעצען אין מאַנדזשוריען און נישט צו אינוועסטירען דאָרט קאַפּיטאַלען.

ארעסטירט היטלעראווצעס אין עסטרייך

וואס האבען ערמארדעט 9 פערזאן

ווין, 19 (ספּ. טעל.)

פיר היטלעראָווצעס פון קעניגסבערג, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרען אין עסטרייך, האָבען זיך בעת דער אויספאָרשונג מודה געווען אין די פערברעכענס, וועלכע מ'האָט זיי פאָרגעוואָרפען. די אויספאָרשונג איז געפיהרט געוואָרען אין דער אַנוועזענהייט פון פאָרשטעהער פון דער דייטשער מאַכט.

זיי האָבען אויסגעפיהרט 7 באָמבען-אַטענ-טאַטען, צוליב וועלכע איין מענש איז דער'הרג'עט געוואָרען און 8 זענען פערוואונדעט געוואָרען.

די אַרעסטירטע וועלען איבערגעגעבען ווע-רען דער דייטשער מאַכט און געשטעלט ווערען פאַר א שנעל-געריכט.

ווידער א רעוואלוציע אין טשילי

קאַרלאָס דאַווילא, דער פּרעזידענט פון טשילי, האָט אַבדיקירט.

160-יעהריגער יובילעאום פון א צייטונג

50-טויזענדער נומער פון „מארנינג פאסט"

לאָנדאָן, 19 (ספּ. טעל.)

די ענגלישע גרויסע צייטונג „מאָרנינג פּאָסט" האָט היינט אַרויסגעגעבען איהר 50-טוי-זענדען נומער. די צייטונג איז ענטשטאַנען אין יאָהר 1772 און פון דער צייט איז זי אַרויסגע-גאַנגען אָהן איבעררייס.

Doktór SOŁOWIEJCZYK Arkadjusz

choroby dzieci

przeprowadził się do **OTWOCKA** i ordynuje przy ul. Reymota 51a, tel. 74 (dom Majznera)

Dr. HELLER

ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע האט זיך איבערגעצויגען אויף

טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89

נעמט אָן ביז 10 פריה און פון 4—8 אָוענד, פאַר פרויען פון 4—5 נאָכמ. אין אַ ספּעציעלען וואַרטע-זאַל.

Dr. med.

M. TAUBENHAUS

פרויען- און אקושעריע-קראנקהייטען

זגערזשער 11, טעל. 246-09

נעהמט אָן פון 1-3 און פון 5-8 אָוו.

צאהן-ארצט

St. Gelberg

זאַוואַדזקאַ 14, טעל. 108-33

צוריקגעקעהרט

נעמט אָן פון 10-1 מיטאָג און פון 4-7 אָווענד

Dr. med. **H. LUBICZ**

ספּעצ. פאַר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראַנקה.

צעגעלניאַנאַ 7, טעל. 141-32

צוריקגעקעהרט.

נעמט אָן פון 8-10 פריה, פון 12-2 נאָכמ. און פון 5-8 אָווענד. זונטאָג פון 9-11 מיטאָג.

Dr. med. G. Gersztajn

ספּעציאַל-ארצט פאַר אויגען-קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט

TRAUGUTTA 12, tel. 175-10

נעמט אָן פון 11-1 און פון 7-8 אָווענד. 5219

Dr. med. **Ignacy Grynberg**

ספּעציאַל - אַרצט פאַר הערץ און אינערליכע קראַנקהייטען

Cegielniana 17, tel. 174-15

נעהמט אָן פון 6 ביז 7 אָווענד.

שול-ביכער, ספרים, טלית'ם, שרייב-מאטעריאל, מחזורים, סליחות

25 פראצ. ביליגער!

ווסכאדניא 34 (פּראָנט-געשעפט)

ווי אויך אַנגאַנג דורכ'ן טויער.

צו בעקומען אַלע אַרט ספרים און לעהר-ביכער, ספּעציעלער אויסוואַהל פון **מחזורים**, אויך די וועלט-בעריהמטע וויל נער רב פנינים מחזורים, אויך מיט פּוילישע איבערזעצונג ש"ס, חומשים, משניות, מדרשים, סדורים-טלתים, גאַרטלען, קאַפּלען, ציצית, מזוזות, שעהנע תפילין. צום נייעם שול-סעזאָן פערקויף פון אַלערליי **שול-ביכער אויך שרייב-מאטעריאל** אַזוי אַז דאָס שול-יונגעל קאָן זיך אַלעס איינקויפען אויף איין אָרט און צו רעלע פרייזען. פאַר שול-קינדער — גרויסע הנחות

געדענקט דעם אַדרעס:

ווסכאדניא 34 פּראָנט-געשעפט אָדער דורכ'ן טויער

ווערקשטעל פון שירמס און שפּאַציר-שטעקענס

ס. פייגענבוים,

לאדז, באַרוטאַוויטשאַ 19

עמפעפהלט אין אַ רייכען אויסוואַהל פון קאָלירטע דאַמען- און מענער-שירמס און שטעקנס צו קאָנקורענץ-פרייזען.

נעמט אָן אַלערליי רעפּעראַטורען פון שירמס און שטעקנס

Truskawiec-Zdrój

ביליגער הערבסט-סעזאָן פון 1 סעפּטעמבער. די פּרייזען פון די בעדער, וואוינונגען, פּענסיאָנאַטען ביליגער! אינפאָרמאַציעס צו פאָדערן, און וואוינונגען בעשטעלען — נאָר דורך דער פערוואַלטונג פון קוראָרט טרוסקאַוויעץ. 5121

רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פּראָנט, 2-טער שטאָק

פערשידענע קאַמגאַרנס

ביליצער, טאַמאַשאָווער און לאָדזשער

אויף אנציגער און פאלטענס

ווי אויך די מאָדערנסטע **דאַמען-שטאָפען** אויף פּאַלטנס און קאָסטיומען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

געדענקט נאָר

אין פראנט, וו-שטאק

KOMITET SYNAGOGI przy Al. Kościuszki

niniejszem podaje do wiadomości, że

wydzierżawienie miejsc na rok 1932/33

odbywać się będzie w Kancelarji Synagogi w porządku następującym:

a) dn. 20, 21, 22, 26, 27, 28, 29 b. m. w godz. 3½ po poł. do 7 wiecz.
b) dn. 23 b. m. w godz. 3—5½ po poł.
c) dn. 25 b. m. od 10 rano do 1 po poł. i od godz. 3—7 wiecz.
d) dn. 30 b. m. w godz. od 10 rano do 1 po poł.

Osoby pragnące odnowić zeszłoroczną dzierżawę miejsc, zechcą zgłosić się do Kancelarji Synagogi najpóźniej do niedzieli, dn. 25 b. m. włącznie.

Ze względu na trwający kryzys ceny miejsc w roku bieżącym zostały zniżone.

Z powodu ścisłej kontroli w roku bieżącym, **uprasza się o każdorazowe okazywanie biletów przy wejściu do Synagogi, gdyż osoby, nieposiadające biletów bezwzględnie wpuszczane nie będą.** 5687

שייטלען

— מיט —

פאריזער שרינדען

ווי אויך

פערטיגע שייטלען

ווערען ערשטקלאַסיג און דעיעל אויסגעאַרבייט

און אנדולאציע

צו ביליגע פרייזען

ביי קערש,

סקווערא 15.

מודעה.

די פערוואלטונג פון דער וואהליגער שוהל

איז מודיע, אַז פון יום א' הבע"ל י"ז אלול (18 סעפּטעמבער) ווערט מען אין דער קאַנצעלאַריע פון דער שוהל **וואָלטשאַנסקאַ 6**

פערקויפען פלעצער צו דאווענען

פיר מענער און פרויען. די וועלכע וועלען בעצייטענס נישט פערזאָרגען זיך מיט פּלע-צער, וועלען זייערע פּלעצער פערדונגען ווערען. קיין שום טענות חזקה איז נישטאָ. עס וועלען דאַווענען: מוספים דער בעריהמטער חזן ר' **יצחק סאלאווייציק** שחרתים מ"ר **פליישער** מדרהאָביטש. די קאַנצעלאַריע איז אָפען טעגליך פון 6 ביז 8 אָווענד. 5543

די פערוואַלטונג.

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע

אנדזשעיא 5, טעל. 159-40

נעמט אָן פון 8-11 און פון 5-9 אָוו.

זונטאָג און יום-טוב פון 9-1 פּאָרמ.

בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. med.

W. Eychner

אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען

וואוינט איצט 4 צעגעלניאנא 4

(נעבן קינא „טשארי") טעל. 134-72

נעהמט אָן פון 2½-4 און פון 7-8 אָווענד

Dr. med. D. Rozencwajg

צוריקגעקעהרט

16 נאַרוטאָוויטשאַ 16, (פּילסודסקיעגאָ 76)

טעל. 128-74

נעהמט אָן פון 9-10 און פון 6-7 אָווענד

Dr. med. L. [illegible]ITECKI

spec. Chor. skórne, weneryczne i moczopłciowe

NAWROT 32, tel. 213-18

przyjmuje od 8—10 rano i od 5-8 wiecz. w niedz. i święta od 10-1 pp. 5546

Dr. med **REICHER**

פאלודניאווא 28, טעל. 20193

ספּעציאַל-אַרצט פאַר **מענער-שוואַכע-בעהאנדלונג** קינדערלאָזיגקייט און סעקסועלע בעראַטונגען

צוריקגעקעהרט.

נעהמט אָן פון 5 — 8 אָוענד.

זונטאָג און יום-טובים פון 9 — 1 בייטאָג.

דר. מעד. בערמאן

צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07.

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און געשלעכטס-קראַנקה. מענער-שוואַכע בעהאַנדלונג א. סעקסועלע בעראַטונג. נעהמט אָן פון 8-11 פריה און פון 4-8 אָווענד. זונטאָג פון 9-1 בייטאָג.

פאַר אונבעמיטעלטע—לעטשניצע-פרייזען

Dr. med. **Haltrecht**

ספּעציאַל-ארצט פאַר הויט- און געשלעכטס-קראַנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

נעמט אָן פון 8 ביז 11 פריה, פון 1 ביז 2 מיטאָג און פון 5-9 אָווענד. זונטאָג פון 10-1 בייטאָג. פאַר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע - פרייזען.

געשטאָרבען גראַף גראַווינאַ

דער הויך-קאָמיסאַר פון דער פעלקער-ליגע אין דאַנציג

דאַנציג, 19 (ספּ. טעל.) דער הויך-קאָמיסאַר פון דער פעלקער-ליגע גראַף גראַווינאַ איז שווער קראַנק געוואָרען, די דאָקטוירים האָבען אויפגעגעבען יעדע האָפענונג. יעדע מינוט ריכט מען זיך אויף אַ קאַטאַסטראָפע.

דאַנציג, 19 (טעלעפאָניש).

האַלב 11 אין אָוונט איז געשטאָרבען דער הויך-קאָמיסאַר פון דער פעלקער-ליגע אין דאַנציג גראַף גראַווינאַ.

וויצע-מיניסטער סטאַזשינסקי אויפ'ן אָרט פון גען. גורעצקי

וואַרשאַ, 19 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). אין די פּאָליטישע קרייזען שמועסט מען, אַז גענעראַל גורעצקי זאָל רעזיגנירען פון זיין אַמט אַלס פּרעזעס פון „באַנק גאָספּאָדאַרסטווא קראַיאָוועגאָ". זיין אָרט זאָל פאַרנעהמען דער וויצע-מיניסטער סטאַזשינסקי.

גרויסע שׂרפה אין ראַוואַ-רוסקאַ

61 פאַמיליעס אָהן אַ דאַך איבערן קאָפּ

זשולקאָוו, 19 (ספּ. טעל.) היינט 9 אין אָוונט האָט אויסגעבראָכען אַ שׂרפה אין ראַוואַ-רוסקאַ. די שׂרפה האָט אויסגעבראָכען אין דער בעקעריי פון אַלטער'מאַנען און האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער די שכנות'דיגע הייזער. 21 הייזער זענען פאַרניכטעט געוואָרען. 61 פאַמיליעס זענען געבליבען אָהן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

שוועדישע רעגירונג אין דעמיסיע

שטאָקהאָלם, 19 (ספּ. טעל.) די שוועדישע רעגירונג האָט זיך אָפּגעגעבען אין דימיסיע. דער קעניג האָט קאָנפערירט מיט די אָנפיהרער פון פאַרשידענע ריכטונגען.

אַרעסטירט אין רוסלאַנד

גאַרגולאָוו'ס מוטער און שוועסטער

מאָסקווע, 19 (ספּ. טעל.) אין שטעטעל לאַבינסקאַיאַ, האָט מען אַרעסטירט די מוטער און די שוועסטער פון גאַרגולאָווען. זיי ווערען בעשולדיגט אין סיסטעמאַטישע גנבות פון קאָאָפּ און קאָלעקטיוו. זיי דראָהט טויט-שטראָף.

אַ רעוואָלוציאָנערע אַרמעע פון 50000 מאַן אין אַרגענטינאַ

בוענאָס-איירעס, 19 (ספּ. טעל.)

מען מעלדעט פון סאַאָ פּאַולאָ, אַז די רעוואָלוציאָנערען שאַפען אַ 50-טויזענדיגע רעזערוו-אַרמעע.

מיניסטער זאַלעסקי פאָהרט קיין גענף

וואַרשאַ, 19 (טעלעפאָניש).

מאָרגען פאָהרט אָפּ קיין גענף צוזאַמען מיט דער פּוילישער דעלעגאַציע דער אויסערן-מיניסטער זאַלעסקי אויף דער סעסיע פון דער פעלקער-ליגע, וואָס הויבט זיך אָן דעם 24. ד. ח.

גרויסע מאַנעווערס פון דער רייכסוועהר

מיט'ן אָנטייל פון אויסלענדישע מיליטער-אַטאַשעס

בערלין, 19 (ספּ. טעל.)

פון 19 ביז'ן 22 סעפּטעמבער קומען פאָר אין דער געגענד פון פראַנקפורט (אַן דער אָדער) גרויסע הערבסט-מאַנעווערס פון דער רייכסוועהר. אין די מאַנעווערס נעהמט אָנטייל די ערשטע און צווייטע קאַוואַלעריע-דיוויזיעס און אויך די דריטע דיוויזיע. די אָנפיהרונג האָט איבערגענומען גענעראַל פאָן-האַמערשטיין.

אין די מאַנעווערס וועלען אָנטיילנעהמען אַלס געסט די מיליטער-אַטאַשעס פון אַרגענטינאַ, בולגאַריען, ענגלאַנד, איטאַליען, יאַפּאַן, ליטווע, מעקסיקאָ, סאָוויעט-רוסלאַנד, טערקיי, אונגאַרן און אַמעריקאַ.

וויצע-מיניסטער סטאַזשינסקי איז בעשולדיגט געוואָרען אין נעהמען 20 טויזענד זל. אַ חודש פון הייוועז-סינדיקאַט

וואַרשאַ, 19 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). אַ גרויסע סענסאַציע האָט מיט עטליכע טעג צוריק אַרויסגערופען די ידיעה, אַז דער וויצע-מיניסטער סטאַזשינסקי האָט אָנגעקלאָגט דעם געוו. דירעקטאָר פון „לאַס פּאַנסטוואָווי" אַלפּינסקי פאַר רכילות. אַלפּינסקי האָט זיך געמעלדעט צו דעם העכסטער מלוכה-קאָנטראָל און ערקלערט, אַז מיג. סטאַזשינסקי בעקומט 20 טויזענד זל. אַ חודש פון דעם הייוועז-סינדיקאַט פאַר שטיצען די אינטערעסען פון סינדיקאַט. דער פּראָצעס איז שוין עטליכע מאָל אָפּגעלעגט געוואָרען. איצט שטעלט זיך אַרויס, אַז דער פּראָצעס וועט מוזען איינגאַנצען אַנוליר'ט ווערען, ווייל מ'קען נישט אָנקלאָגען קיינעם פאַר אָפּגעבען אַן אָנקלאַגע צו דער העכסטער מלוכה-קאָנטראָל. ווען ס'זאָל זיך אַפילו אַרויסווייזען, אַז די אָנקלאַגע איז נישט קיין ריכטיגע.

בלוטיגע ליבעס-טראַגעדיע אין טשענסטאָכאָוו

פאַרוטשניק דערשיסט זיין געליבטע און בעגעהט זעלבסטמאָרד

טשענסטאָכאָוו, 19 (טעלעפאָניש).

נעכטען איז אין טשענסטאָכאָוו פאָרגעקומען אַ בלוטיגע ליבעס-טראַגעדיע, אַלס קרבנות זענען געפאַלען דער פאַרוטשניק פון 7. אַרטילעריע-פּולק זיגמונט וואַזשעשינסקי און די 19-יעהריגע ... קאָהל, אַ טאָכטער פון אַ היגען דאָקטאָר.

דער פאַרוטשניק וואַזשעשינסקי, וועלכער איז געווען פאַרליבט אין דעם פרל. קאָהל, נאָר נישט געקענט מיט איהר חתונה האָבען, האָט דערשאָסען זיין געליבטע און דאַן זיך אַליין. ביידע זענען טויט.

פּראָטעסטאַנטישער וועלט-קאָנגרעס אין שטאָקהאָלם

די שיף „היגעא"

איז אויפגעריסען געוואָרען אין אויסטראַלישען האַפען

קלאַנגען וועגען דער דימיסיע פון סאָוו. אַמבאַסאַדאָר סאָקאָלניקאָוו

לאָנדאָן, (יט"א) דאָ האָבען זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן סאָקאָלניקאָוו (אַ יוד) איז אָפּגערופען געוואָרען פון זיין אַמט. די קלאַנגען האָבען זיך ביז איצט נישט בעשטעטיגט. סאָקאָלניקאָוו איז צוריקגעקומען פון אורלויב און האָט איבערגענומען זיין אַמט.

ווי מען טיילט אָבער מיט, וועט סאָקאָלניקאָוו אין קורצען איבערגעהמען אַן אַנדער וויכטיגען אַמט.

שחיטה-פאַרבאָט אין עגער

פּראָג (יט"א) דער שטאָט-ראַט פון דער שטאָט עגער האָט בעשלאָסען איינצופיהרען שחיטה-פאַרבאָט. דער בעשלוס ווערט מאָטיווירט מיט כלומרשט הומאַניטאַרע טעמים.

אַנטיסעמיטישע עקסצעסען אין טעפּליץ-שענוי

פּראָג (יט"א) אַ גרופּע יוגענדליכע כוליגאַנעס האָט אין טעפּליץ בעפאַלען אַ יודישען דורכגעהער און שרייענדיג: „דאָס איז אויך אַזאַ פּוילישער" איהם בלוטיג צושלאָגען. אַן אָרטיגער אַדוואָקאַט, וועלכער האָט געוואָלט בעשיצען דעם געפאַלענעם איז אויך אָנגעגריפען געוואָרען. איידער די פּאָליציי איז אָנגעקומען זענען די כוליגאַנעס נעלם געוואָרען.

היינט און פאָלגענדע טעג!
נישט פאַרגעסענער „בערג-זינגער" באַריטאָן-קעניג Lawrence Tibbet
טער'כישוף'ט און בעצויבערט אַלע מיט זיין אויסערגעוועהנליכע שטימע אין זיין גראַנדיעזן מייסטערווערק
ROMANS z Porucznikiem
דראַמע פון רוסישען לעבען
שטורמישע ליידענשאַפט און אויסערגעוועהנליכען סענטימענט צייכענט זיך אויס אין איהר ליד די פּרימאַדאָנע פון ניו-יאָרקער אָפּערע Grace Moore
די פּירשטליכע הערשאַפט, און דעם תאווה'דיגען טיפּ פון אַ דאָן-זשואַן, וועט שאַפען דער בער. Adolf Menjou
אויסער דעם אַ המון פון סטאַטיסטען און אַ קאָזאַקען-כאָר. אויסערן פּראָגראַם:
אַ פריילעכע קלאַנג-קאָמעדיע
און פאַרשידענע אַקטואַליטעטען.
אָנה. 4.30 נמ. שבת, זונטאָג 1 בייטאָג.
הנחה-בילעטען גילטיג אָהן בעגרענצונגען.
פּאָפּולערע פּרייזען פון די פּלעצער.

די היטלעריסטען פאַרשאַרפען זייערע אַנטיסעמיטישע לאָזונגען

אין דער וואַהל-קאַמפּאַניע צום רייכסטאַג

בערלין, (י.ט.אַ.) אין דער וואַהל-קאַמפּאַניע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין גאַנץ דייטשלאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן בעשטימען נייע וואַהלען צום רייכסטאַג, פאַרשאַרפען די היטלעריסטען זייערע אַנטיסעמיטישע לאָזונגען. אויף איינעם פון די לעצטע היטלעריסטישע מיטינגען האָט דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער פיהרער קאַרל פּראַצע מיטגעטיילט, דאָס בעת די לעצטע פאַרהאַנדלונגען מיט דער פּאַפּען-רעגירונג האָבען די היטלעריסטען געפאָדערט צו בעזייטיגען אַלע יודען פון די מלוכה אַמטען. דער אינערן-מיניסטער פאָן גייל האָט אָבער אָפּגעוואָרפען די פאָדערונג מיט'ן מאָטיוו, אַז זי איז געגען דער קאָנסטיטוציע. די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטען בעקעמפען דעריבער די פּאַפּען-רעגירונג אַלס אַ „יודען-פריינדליכע" רעגירונג.

דער היטלעריסטען-פיהרער געבבעלס האָט אויף אַ מיטינג אין בערלין ערקלערט, אַז פאָן פּאַפּען האָט אָפּגעהאַלטען אַ לענגערע בעראַטונג מיט'ן בעקאַנטען יודישען באַנקיר יעקב גאָלדשמיד וועגען דעם ווירטשאַפטליכען פּראָגראַם פון דער רעגירונג.

די רעגירונג האָט אין אַן אָפיציעלען קאָמוניקאַט אָפּגעלייקענט די מיטטיילונג פון געבבעלס.

פאַרענדיגט דער שטרייק אין דער נאַפט-אינדוסטריע

לעמבערג, 19 (טעלעפאָניש)

אויף דער היינטיגער קאָנפערענץ פון די נאַפט-אינדוסטריעלער מיט די אַרבייטער-פאַרשטעהער איז געקומען צו אַ הסכם. דער לוין איז רעדוצירט געוואָרען מיט 10 פּראָצענט פון 1 סעפּטעמבער. דער נאַפט-שטרייק איז ענדגילטיג געוואָרען.

גהאַנדי אָנגעהויבען אַ הונגער-שטרייק אין טורמע

באָמבײַ, 19 (ספּ. טעל.)

גהאַנדי האָט נישט מסכים געווען אויפ'ן צייטווייליגען בעפרייען איהם פון טורמע און בעשלאָסען אָנצוהויבען אַ הונגער-שטרייק.

קלעפּסידרעס
צו זעהר ביליגע פּרייזען
בעהמט אָן די דרוקעריי פון
„ביילעם פאָלקסבלאַט"
די קלעפּסידרעס ווערען אין משך פון 1 שעה אויסגעפערטיגט
און פונאַנדערגעקלעבט איבער דער שטאָט.

לאדז. 20 סעפטעמבער 1932

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז. 20 סעפטעמבער 1932

א פעסטונג
פון מאראלישער בעוואפנונג

די דייטשע רעגירונג האט איינגעפירט אַן אָפיציעלע מיליטערישע אויסבילדונג פאר דער שול־יוגנט און האט אפיציעל אפגעגעבן פאר די איבונגען און מאַנעווערס פון דער יוגנט 20 מיליטער־פלעצער. דאס האט אַרויסגערופן אַ מורמעל: דער ווערסאַלער טראַקטאַט, אין וועלכן אַזאַ מיליטערישע אויסבילדונג פון דער יוגנט אין דייטשלאַנד בפירוש פערבאָטן, איז דורך דער דייטשער רעגירונג געבראָכן געוואָרן.

די טענה איז פאָרמעל ריכטיג, אָבער פאַר קיינעם איז אויך פריער נישט געווען קיין סוד, אַז די דייטשע יוגנט ווערט מיליטעריש געבילדעט, און — וואָס אפשר נאָך וויכטיגער — זי ווערט ערצויגן אין אַ מיליטערישן גייסט, אין גייסט פון מיליטערישער בעוואָפנונג.

און איינער פון די בעווּנדערס דראָהענדע סימפּטאָמען פון דער מאָראַלישער בעוואָפנונג אין דייטשלאַנד איז דער וואוקס פון די רעאַקציאָנערע שטימונגען צווישן דער שטודירענדער יוגנט, כמעט אין אַלע העכערע לעהר־אנשטאַלטן איז די גרעסטע צאָהל פון דער שטודירענדער יוגנט אָנגעשטעקט מיט דער היטלער־אידעאָלאָגיע, די סטודענטן ראַסיסטן פיהרן אַ סיסטעמאַטישן קאַמף מיט די יודישע סטודענטן און מיט די „מאַרקסיסטן". דער אַנטיסעמיטיזם אין די אוניווערזיטעטן בעקומט ריין זאָאָלאָגישע פאָרמען, ווי עס בעווייזט דער ביישפּיל מיט'ן פּראָפעסאָר הומבעל, דער דאָזיגער פּראָפעסאָר פּאַציפיסט קאָן זיך נישט פערהאַלטן אויף זיין קאַטעדרע אין דעם דייטשן אוניווערזיטעט.

נאָך ערגער איז אפשר דאָס, וואָס קומט פאָר אין די מיטעל־שולען. די ספּעציפישע „פּאָליטיק" איז אַריינגעדרונגען ביז אַהין... אַפילו אין די פאָלקס־שולען זענען שוין אין די קלענערע קלאַסן צו מערקן, נאַטירליך, צוליב דער שולד פון די עלטערן, פון איין זייט היטלעריסטישע, פון דער צווייטער קאָמוניסטישע שטימונגען. די צייטונגען ברענגען אייניגע זעהר כאַראַקטעריסטישע פאַקטן. די שילער קומען אין שול אַריין, גאַנצע קלאַסן, אָנגעטון אין בראַנז־העמדלעך מיט די היטלער־צייכנס. ווען אַ לעהרער פון אַ פאָלקס־שולע האָט געמאַכט אַ בעמערקונג אַ גרופּע שילער פון די קליינע קלאַסן, וואָס זיי האָבן פערשפּעטיגט אויף דער לעקציע, האָבן זיי מיט שטאָלץ ערקלערט, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט פריהער קומען, ווייל זיי האָבן אַנטייל גענומען אין דער קבורה פון אַ דערהרגעטן ראַסיסט.

אויף די פויזעס שפּילן די קינדער אין מלחמה. אין איין שולע האָט אַ שילער אַ היטלער־אָוויעץ ערגעץ געשאַפט טאַשען־מעסערס און מיט זיי בעזאָרגט אַ גאַנצע גרופּע היטלעראָווצעס פון די שטורם אָפּטיילונגען. אין אַ צווייטער שולע האָט אַ לעהרער געפונען אַ „צירקולאַר" וועלכער איז צוטיילט געוואָרן צווישן די שילער־קאָמוניסטן, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אין אַן אָפּטיילונג פון „רויטע פראָנט".

די דעמאָקראַטישע פּרעסע אַלאַרמירט צוליב דער דעמאָראַליזאַציע פון דער שטודירענדער יוגנט, און ווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון די עלטערן אויף דער געפאַהר און דער נויטווענדיגקייט מיט דער געפאַהר צו קעמפן. דער אומגליק איז אָבער, וואָס די עלטערן אַליין ציהען די קינדער, בעוואוסטזיניג אָדער אומבעוואוסטזיניג, אַריין אין דער געפאַהר, אויב עס הערשט אין שטוב דער קולט פון היטלער'ן נעהמען זיך די קינדער אָן מיט דער שטימונג פון דער שטוב, מיט'ן גייסט פון שנאה. נישט קיין קליינע פעראַנטוואָרטליכקייט ליגט אויך אויף דער מלוכה, וועלכע העלפט אונטער צו ערציהען די קינדער אין גייסט פון שאָוויניזם.

דייטשלאַנד איז איצט איינע פון די פעסטונגען פון מאָראַלישער בעוואָפנונג, און דאָס רייסט אונטער יעדען פּרוּב צו לעזען דאָס פּראָבלעם פון ענטוואָפנונג בכלל.

די אויסטראַלישע רעגירונג
איבערגענומען דעם פּראָטעקטאָראַט איבער דעם מאָנאַש־וואַלד אין א"י

מעלבורן, (י.ט.א.) אין סידניי איז פאָרגעקומען אַן אַקאַדעמיע געווידמעט דער גרינדונג פון אַ מאָנאַש־וואַלד אין א"י צום אָנדענקען פון פערשטאָרבענעם פיהרער פון אויסטראַלישן מיליטער אין וועלט־קריג גענעראַל סער דזשאָן מאָנאַש, וועלכער איז געווען אַ יוד און אַ פריינד פון א"י־אויפבוי. דער גובערנאַטאָר פון נוי־זיד־וועלס האָט איבערגענומען דעם פּראָטעקטאָראַט איבער דעם מאָנאַש־וואַלד און האָט פערעפענטליכט אַן ענטשפּרעכענדען אויפרוף צו דער בעפעלקערונג. עס איז אויך ערהאַלטן געוואָרן אַ בעגריסונגס־דעפּעשע פון סער זשאָרזש פּירס.

דער מאָנאַש־וואַלד וועט צעהלען 3.000 בוימער. דערביי וועלן דאָס זיין אויסטראַלישע בוני־בוימער.

יודען, יודישקייט און יודיש
אינטערעסאַנטער רעפעראַט פון זלמן רייזען

זלמן רייזען, וועלכער געפינט זיך איצט אין אַרגענטינע אין שליחות פון ייוו"א האָט געהאַלטן אין בועגאָס איירעס אַ זעהר אינטערעסאַנטן רעפעראַט א.ד.ט. „יודען, יודישקייט און יודיש". מיר ברענגען לויט די אַרגענטינער בלעטער אייניגע שטעלן פון רעפעראַט.

זלמן רייזען האָט געבראַכט אין זיין רעפעראַט אַ מאַסע אילוסטראַציעס. ביישפּילן פון געשיכטע און קולטור־לעבן, כדי צו בעווייזן, אַז „יודען, יודישקייט, און יודיש" איז אַ פעסטע דריי־אייניגקייט, ער מאַכט אַ שפּאַציר אין דער יודישער היסטאָריע דערציילענדיג וועגן יענע עפּאָכעס, ווען העברעיש איז געווען די שפּראַך פון יודען אין כנען. אָבער גלייכצייטיג איז העברעאיש אויך געווען די שפּראַך פון די פערביסענסטע יודען־פיינד, ווי מואב און אַנדערע. מיט וועמען יודען האָבן מלחמה־געהאַלטן. נאָכדעם איז געקומען דער איינפלוס פון אַרמית, ווען די גרעסטע ווערק זענען געשריבן געוואָרן אין אַ פרעמדער שפּראַך. ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַרמית, תלמוד ירושלמי און תלמוד בבלי. די פערבינדונג איז דעמאָלט געווען נישט אַזוי די שפּראַכליכע, ווי די רעליגיעזע. אויך ר' יהודה הלוי גיט פאַר דעם אַ ביישפּיל, אָבער אין דער נייער צייט, ווען עס שטייט אויף יודיש, שפּילט די שפּראַך גאָר אַן אַנדערע ראָלע: זי פערבינדט; וואו זי הערשט אַלס מוטער־שפּראַך, דאָרטן איז געשאַפן געוואָרן אין די לעצטע יאָהרהונדערטער, און וואו זי איז נישט איינגעוואָרצעלט. איז אויך דאָס יודישע לעבן פערדאַרט געוואָרן, יודיש עקזיסטירט שוין, לויט היסטאָרישע דאָקומענטן, 900 יאָהר. בעווייזן זענען פערהאַן פיל עלטערע.

ז. רייזען פיהרט אויס, אַז די שוין אַלטע, דאָך גרויסע שאַפונגען פון אַליהו בחור און אַנדערע זענען פעסטע בעגרינדונגען פון אַ נייער יודישער קולטור־שאַפונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן ביז'ן היינטיגן טאָג. יודיש האָט סטימולירט און אינספּירירט צו אייגענעם שאַפן. אַנדערע שפּראַכן — נישט. אין קיין שום לאַנד נישט. דאָס אַמאָל־גרויסע יודישע האָלאַנד איז היינט פאַר יודען טויט, בלויז געשיכטע, אין דייטשלאַנד זענען דאָ פינף הונדערט טויזענד יודען, אָבער זיי האָבן אַפילו נישט קיין אייגענעם כאָר... יודען, אַנטלאָפענע פון שפּאַניע, בעזעצטע אויף די באַלקאַנען, האָבן געשאַפן אַ מין שפּאַניאָליש, אָבער דער בעסטער קענער, בערנשטיין, פון סאָפיע, בעשטעטיגט אַז ס'איז קיין שום יודישער גייסט נישטאָ אין דעם דיאַלעקט, און אַפילו זעלטן־זעלטן ווען איז אין שפּאַניאָליש אַסימילירט געוואָרן אַ העברעאיש וואָרט.

יודיש האָט איהר אורשפּרונג פון דייטש. אויך שפּאַניש, פראַנצויזיש און לאַטיין האָבן זייער מקור אין איין שפּראַך, אין לאַטיין. פונדעסטוועגן וועט קיינער נישט זאָגן, אַז שפּאַניש, פראַנצויזיש, אָדער איטאַליעניש זענען דיאַלעקטן. דאָס זעלביגע איז מיט יודיש. יודיש האָט איהר אייגענע נשמה און פיזיאָנאָמיע, זי שטאַמט פון דייטש, אָבער בלויז די קאָנקרעטע בעגריפן, ווי „טיש", „וואַסער" האָט זי גענומען אומפערענדערט פון דייטש. אַנדערש איז מיט וועלכע ס'איז קאָמפּליצירטע בעגריפן. דאָ היט זי זיך אויסערגעוועהנליך. אין יענען יודען איז פערהאַן דער אינסטינקט פון נישט אַסימילירען. „דייטש" איז אַרויסגעשמיסען געוואָרן פון געברויך. און „פאָרווערטס", דער נאָמען פון דער גרעסטער יודישער צייטונג אויף דער וועלט, ווערט נאָך ביז'ן היינטיגן טאָג נישט בעטראַכט אַלס אַ פאַסיג יודיש וואָרט, כאָטש ער ווערט טאָג־טעגליך, אין משך פון דרייסיג יאָהר, פערשפּרייט אין הונדערטער טויזענטער עקזעמפּלאַרען... דערפאַר אַסימילירט יודיש, אָהן בענערעצונג העברעאיש און גיט נאָך צו אַן אייגענעם קאָלאָריט, פון „חן" איז אין יודיש געשאַפן געוואָרן: „חנעוודיג", „בע'חנט", „חנדלעך" און אַזוי ווייטער.

קיין שום אַנדערע לאַנדשפּראַך אין דער וועלט האָט די יודען נישט געדינט פאַרצוזעצן יודיש לעבן. יודיש איז דער אויסנאַהם אין דער יודישער געשיכטע פון די לעצטע יאָהרהונדערטער. אין דעם ליגט איהר נאַציאָנאַלע בעדייטונג.

גראָבט מען אונטער יודיש, גראָבט מען אונטער דאָס יודישע שאַפענדיגע לעבן. ד"ר נתן בירנבוים, וועלכער האָט געוואָרפן דעם לאָזונג פון ציוניזם נאָך מיט פופצעהן יאָהר פאַר'ן ד"ר הערצל (דאַכט זיך, אַז ער איז שאַפער פון דעם וואָרט „ציוניזם") האָט איינגעזעהן די נויטווענדיגקייט פון אויפהייבן די פּאָזיציעס פון דער יודישער שפּראַך אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. כאָטש ער אַליין איז געקומען פון אַן אַסימילירטער סביבה און פון אַ גרויסער קולטור־שפּראַך, ווי עס איז דייטש.

עס בליהט נאָר דער שקלאַפען־האַנדעל
בעריכט פון ענגלישען אויסערן־מיניסטעריום

דער לעצטער בעריכט פון ענגלישען אויסערן־מיניסטעריום וועגען דער לאַגע פון האַנדעל מיט קנעכט אין צפון־מזרח־אַפריקע, האָט ענטדעקט אויסערגעוועהנליכע פאַקטן, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שקלאַפען־האַנדעל איז נאָך ווייט נישט אויסגעראָטן, אַז דאָס שאַפען קנעכט און האַנדלען מיט זיי ווערט געפיהרט, ווי מיט פופציג יאָהר צוריק, נאָך ביז עס איז ערשינען דאָס בוך „אָנקעל טאָמס הייזקע".

אמת, די קנעכט שיקט מען איצט נישט אין אייראָפּעאישע קאָלאָניעס, נאָר דער האַנדעל בעגרעניצט זיך נאָר מיט די ווילדע לענדער, און דאָך איז נאָר אין יאָהר 1932 פערעגיסטרירט אין סודאַן (אַפריקע) עטליכע צעהנדליג אָנפאַלן פון אַביסינישע באַנדעס מיט'ן צוועק, צו שאַפען קנעכט. איינמאָל זענען זעקס הונדערט רייטערס אַריינגעדרונגען פופציג מייל אין דער טיף פון סודאַן. זיי האָבן געהרגעט 27 מענער און אַוועקגעפיהרט מיט זיך זייערע 27 פרויען און 55 קינדער, אַ חוץ דעם 800 קעפּ פיה.

דער אַביסינישער קעניג האָט היילינג געשוואָרען די ענגלענדער אַ סוף צו מאַכען צו דער קנעכט שאַפט אין זיין לאַנד. אָבער, ווי עס זעהט אויס, געלינגט דאָס איהם נישט. צווישען די פאַרשטעהער פון אַביסיניען אין סודאַן איז פאָרגעקומען אַ בעראַטונג, בעת וועלכער עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די סודאַנער זענען נישט ווענייגער ענערגיש אין שאַפען קנעכט, ווי די אַביסינער, ענדליך איז בעשלאָסן געוואָרן, אַז די אַלע צוגערויבטע ווייבער און קינדער פון ביידע צדדים וועלן צוריקגעקעהרט ווערן, פאַר יעדער דערהרגעטען מאַן, פרוי אָדער קינד, וואָס איז צוגערויבט געוואָרן און נישט צוריקגעקעהרט געוואָרן, בעצאָהלט די שולדיגע זייט פופצעהן קעפּ פיה. די צוגערויבטע בהמות און ביקסען מוזען צוריקגעקעהרט ווערען אין גאַנצן.

פופצעהן שטיק פיה פאַר אַ דערהרגעטען מאַנספּערשוין אָדער פרוי איז אָבער נאָך נישט קיין פעסטגעשטעלטע טאַקסע. דער „פּרייז פון בלוט" אויף שפּעטער וועט אויסמאַכען נישט וועניגער, ווי 20 שטיק פיה.

ווען די ענגלענדער, וואָס האָבען אַנטייל גענומען אין דער דאָזיגער בעראַטונג, האָבען אויפגעהויבען די פראַגע וועגען בעשטראַפען די באַנדיטען (מיט אַ גרעסערער שטראַף, פאַר דער הרג'ענען, ווי מיט'ן אָפּצאָהל מיט בהמות, איז ענטשטאַנען אַ קאָנסטערנאַציע. נאָר דער קייזער קען אַרויפלעגען [illegible] אַ גרעסערע שטראַף, ווי אַן אָפּצאָהל. די פראַגע איז אָפּגעלעגט געוואָרן און דער אַביסינישער דעלעגאַט מערדושיש אַבּוט איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דאָרף פון די רויבער, כדי אויסצופּועלען אַז זאָל פרידליך אויסטוישען צוגערויבטע ווייבער און קינדער.

די אַביסינער און סודאַנער בענוגען זיך נישט דערמיט, וואָס זיי רויבען מענשען אויף פרעמדע טעריטאָריעס. נישט לאַנג האָט איין גרופּע פון די סודאַנער ערקלערט אַ שכנ'ישען שבט פאַר זייערע קנעכט. מורא האָבענדיג, אַז די קנעכט וועלן אַנטלויפען, האָבען זיי דעריבער זיי געשמידט אין קייטען, אָפּגעפיהרט אין אַביסיניען און אָפּגעגעבען אין אַרענדע. דאָס איז שוין געווען אַ צו דרייסט שטיקעל און די סודאַנער מאַכט האָט אַרעסטירט די הויפּט־שולדיגע פון דעם שפּיצעל און אָפּגעגעבען צום געריכט.

זענען אַבאָרט און סטעריליזאַציע דערלאָזבאַר?
דעבאַטע אויפ'ן קאָנגרעס פון דייטשע קרימינאַליסטען

אויפ'ן קאָנגרעס פון די דייטשע קרימינאַליסטען אין פראַנקפורט אַם מאַין האָט פּראָפעסאָר קירשטיין (ברעמען) געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגען פּראָבלעם פון אַבאָרטען אויפ'ן סמך פון די פאַלען, וואָס האָבען זיך געלאָזט בעמערקען אין סאָוויעט־רוסלאַנד. פּראָפעסאָר קירשטיין האַלט, אַז דאָס, וואָס איז אפשר דער [illegible] אין די סאָוויעטישע בעדינגונגען, קאָן נישט אָהן בעוואָרנונגען אָנגענומען ווערען אין אַנדערע פּאָליטישע, געזעלשאַפטליכע און רעליגיעזע בעדינגונגען, וואָס האָבען זיך איינגעשטעלט אין דייטשלאַנד, אַ שטייגער. פון דעם רוסישען עקספּערימענט, פיהרט אויס פּראָפעסאָר קירשטיין, איז נאָר צו דרינגען, אַז עס איז נישט דערלאָזבאַר צו ערקלערען פרייהייט פון אַבאָרטען און אַפילו די באָלשעוויקעס האָבען געפינען פאַר נויטיג די דאָזיגע פרייהייט צו בעגרעניצען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די לעגאַליזאַציע פון אַבאָרטען האָט בשום אופן נישט אויסגעמאַסטען די טעטיגקייט פון די פערשידענע זנאַכערס און די צאָהל פון די אומגליקס־פאַלען האָט זיך פערגרעסערט. פּר. קירשטיין פאָדערט, אַז מען זאָל די דאָקטוירים געבען דאָס וואָרט ביים לעזען די פראַגע וועגען דער דערלאָזבאַרקייט פון אַבאָרט. אין בייערן ווערט די פראַגע וועגען איבעררייסען די שוואַנגערשאַפט געלעזט מיט דעם אַנטייל פון צוויי דאָקטוירים און פאַרשטעהער פון דער אָרטיגער מאַכט אַלס קאָנטראָל־עלעמענט. אויך דער ציריכער פּראָפעסאָר מייער האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען דעם פולען רעכט פון אַבאָרט און געגען אָנערקענען די סאָציאַלע לאַגע פאַר אַ מאָטיוו, וואָס ערלויבט צו אַבאָרט. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר סטעריליזאַציע פון „עוגעניש" טעמים, ד. ה. אין די פאַלען, ווען לויט דער מיינונג פון צוויי דאָקטוירים קען מען ערוואַרטען אַז די קינדער זאָלען זיין שוואַכזיניגע א. ד. ג.

זעהר ענערגיש לטובת מעדיצינישער אינטערווענץ פאַר אַבאָרט אין פאַל פון אַ סכנה צו בעקומען שוואַכזיניגע קינדער איז אַרויסגעטרעטען דער מינכענער פּראָפעסאָר רידינג. לויט זיין מיינונג שטעהט איצט די מעדיצין אויף אַזאַ הויך, אַז מען קאָן לעזען די פראַגע פון שלעכטער ערבליכקייט און איבערשניידען די מעגליכקייט פון אַ שלעכטען דור אויפ'ן וועג פון סטעריליזאַציע און אַבאָרט. ביי גייסטיג קראַנקע איז יערענפאַלס פעסטגעשטעלט אַ גייסטיג־קראַנקער דור. אין אַזעלכע פאַלען איז די אינטערווענץ פון אַ דאָקטאָר אַ נויטווענדיגקייט. דער דאָקטאָר דאַרף געדענקען אין דער פראַגע וועגען פערבעסערען דעם אַלגעמיינעם ביי־וואָהל פון דעם קינפטיגען דור. עס זענען פערהאַן אַלע גרונדען צו האָפען, אַז אין דער ריכטונג קאָן מען אַרבייטען אָהן אַריינפיהרען אויפ'ן געזעצליכען וועג די צוואַנגס־סטעריליזאַציע ביי פערזאָנען, פון וועלכע מען קאָן ערוואַרטען קראַנקע קינדער.

נאָך די פאָרטראַגען אין דער פראַגע פון אַ גאַנצער רייה פּראָפעסאָרען איז אַרויסגעטרעטען דער פּראָפעסאָר יוריסט גראַף דאָנאַ. אין זיין פאָרטראַג האָט גראַף דאָנאַ געזאַמעלט אַ גאַנצע רייה בעווייזען פאַר און געגען אַבאָרט און סטעריליזאַציע. זעהר ענערגיש איז אַרויסגעטרעטען גראַף דאָנאַ געגען פאָרשטעלען דאָס רעכט דעם פּאַציענט צו בעשליסען די פראַגע וועגען מעדיצינישער אינטערווענץ, אַזאַ רעכט וואָלט געפיהרט נישט צו פרייהייט, נאָר צו מיסבּרויכען און דאָך האָט פּראָפ. דאָנאַ אָנערקענט די סטעריליזאַציע און אַבאָרט פאַר דערלאָזבאַר צוליב פערהיטונגס־ און סאָציאַלע טעמים. די סטעריליזאַציע דאַרף זיין נישט בעשטראָפבאַר אין פאַל ווען די ערבליך־ביאָלאָגישע וויסענשאַפט ערקלערט די מעגליכקייט פון אַ קראַנקען דור. לויט די סאָציאַלע סיבות קען מען נעהמען אין אַכט די מאַטעריעלע לאַגע פון דער פאַמיליע, בעזונדער ווען די שוואַנגערשאַפט איז פעסטגעשטעלט ביי אַ נישט פערהייראַטער, אָדער ווען די גרויסע צאָהל קינדער קען זיך לעזען אַלס לאַסט אויף די אָרגאַנען פון געזעלשאַפטליכער שוץ.

גראַף דאָנאַ זאָגט זיך יעדענפאַלס אַרויס פאַר אַ מעדיצינישער עקספּערטיזע אין יעדען בעזונדערן פאַל.

אויפ'ן קאָנגרעס זענען פאָרגעקומען לעבהאַפטע דעבאַטען. דער בעריהמטער געלעהרטער פּראָפ. ראַגבי האָט ערקלערט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין פריהערדיגען שטאַנדפּונקט וועגען דעם אַז צו אַן אַבאָרט איז גענוג דער ווילען פון דער פרוי אין געגענזאַץ צו דעם געזעץ־פּראָיעקט, וועלכען ער האָט אַריינגעטראָגען אין יאָהר 1920, זאָגט ער זיך איצט אַרויס דערפאַר, אַז די פראַגע דאַרף געלעזט ווערען לויט די אינדיווידועלע און סאָציאַלע בעדינגונגען.

דער קאָנגרעס האָט אויסגעאַרבייט אַ רעזאָלוציע, וועלכע זאָגט אַרויס די מיינונג פון דער מעהרהייט אין דער פראַגע און וועט פאָרשטעלען די רעזאָלוציע אין די געזעצגעבערישע אינסטאַנצען.

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאַנאַ 4, טעל. 216-90
ספּעציעל־אַרצט פאַר הויט־ און ווענערישע קראַנקהייטען, מענער־שוועכע. אַלע אַרט אַנאַליזען, עלעקטראָטעראַפּיע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ־שטראַהלען.
צוריקגעקעהרט.
נעמט אָן פון 8–2 און פון 5–9 אָוונט.
בעזונדער וואַרטע־צימער פאַר פרויען.

גרים אין זיבענבירגען

(פון דער סעריע: „גרים ביי יודען אין פערשידענע לענדער")

אונגארישע גרים אין ארץ-ישראל. — וואס ווייסען מיר וועגען די גרים אין זיבענבירגען? — דער בישאף פראנץ דוד גרינדעט אנ'אוניטארישע סעקטע. — דער פחד פאר דער קאטוילישער אינקוויזיציע.—סובאטניקעס.—דער פיהרער פון די סובאטניקעס און די פערפאלגונגען.—דער יוד. הויף. פון וועלכן ס'האט זיך פערשפרייט די התיהדות-בעוועגונג

— 2. —

אין יאהר 1600 האבען זיך אבער אנגעהויבען די רדיפות אויף די סובאטניקעס: מ'האט אין צענטר שטאט עפענטליך פערברענט זייערע ספרים און כתב ידן, און א סך פון זיי זענען ארעסטירט געווארען און מ'האט זיי אריינגעזעצט אין תפיסה.

אנהויב 17-טען יאהרהונדערט האט זיך איינגעפונען אין זיבענבירגען א מאגנאט פראנץ באלאשי, וועלכער האט געשטיצט און זיך איינגעשטעלט פאר די סובאטניקעס. מ'דערצעהלט, אז פראנץ באלאשי איז אין זיין יוגענד געווען א פשוט'ער משרת ביי א רייכען יודען אין פוילען און האט זיך בעקאנט מיט יודען און זייערע מנהגים, וועלכע זענען איהם זייער געפעלען. ער האט דאן בעשלאסען מגייר צו זיין זיך: אזוי ווי דער רייכער יוד האט קיין קינדער נישט געהאט האט באלאשי נאך געירשנט זיין גאנצען פערמעגען און איז געקומען קיין זיבענבירגען וואו ער איז געווארען א סובאטניק און האט א דאנק זיין השפעה געבראכט פיל נוצען די סובאטניקעס.

די בעסטע תקופה פאר די סובאטניקעס אין זיבענבירגען איז אבער געווען אין דער צייט פון 1639 ווען עס איז געשטאנען בראש פון דער סעקטע שימאן פאטשי. אויך שימאן פאטשי האט געשטאמט פון די ארימסטע שיכטען און איז אין זיינע קינדער יאהרען געווען א געהילף אין א הוט-פאבריק, מ'האט אבער משפיע געווען אויף זיינע עלטערן מ'זאל איהם אפגעבען אין דער איינציגער אוניטארער שול אין קלויזענבורג, וואו פאטשי האט ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען, זעהענדיג, אז ער צייכענט זיך זייער אויס האט מען איהם געשיקט שטודירען אין פערשידענע לענדער און ער האט זיך נאך 18 יאהר ארומוואנדערען אומגעקעהרט קיין זיבענבירגען אלס גרויסער געלערנטער און איז געווארען נישט נאר דער פריוואט-סעקרעטאר פון דעם פירשט זיגמונד בארטארי, נאר אויך אנטיילגענומען אין פערשידענע דיפלאמאטישע דעלעגאציעס.

שימאן פאטשי איז פון טאג צו טאג אלץ מעהר און מעהר עולה לגדולה געווען ביז דער קעניג פערדינאנד II האט איהם פארגעלייגט, אז ער זאל זעהען צו בעזייטיגען דעם פירשט און דערפאר איהם צוגעזאגט אוועקצוגעבען די ממשלה אין זיבענבירגען, פאטשי האט דעם דאזיגען פארשלאג אפגעווארפען און האט צוליב דעם ארויסגערופען א שנאה ביי זיינע געגנער. די כומרים און דעם פירשטענס מקורבים האבען אויך גענומען ארויסרוקען געגען פאטשין פערשידענע בעשולדיגונגען צווישען וועלכע ס'איז אויך געווען געזאגט, אז ער איז א פרומער סובאטניק — דאס אלץ האט געבראכט דערצו, אז אין חודש מאי פון יאהר 1621 איז פאטשי פערמשפט געווארען צו אייביגע תפיסה.

ווען פאטשי איז אפגעזעסען צוויי יאהר אין תפיסה האט זיך דער רעזשים אביסעל געענדערט צום גוטען און ווען ער האט געגעבען א שריפטליכע הבטחה, אז ער וועט זיך מעהר נישט פערנעמען מיט קיין פאליטיק און מיט פערשפרייטען די „תורה פון די סובאטניקעס" האט מען איהם בעפרייט. פון דאן אן בעזעצט זיך פאטשי אין א דארף און גיט זיך איינגעצען אפ דעם לימוד פון טעאלאגיע און דער אריענט-וויסענשאפט. ווייט און אפגעזונדערט פון געזעלשאפטליכער און פאליטישער ארבייט איז געזעסען דער געוועזענער קעניגליכער סעקרעטאר און זיך אפגעגעבען מיט רעליגיעזע לימודים ביז איהם האט זיך איינגעגעבען ארויסצוגעבען אנ'אונגארישע איבערזעצונג פון תהלים מיט זיינעם א וויסענשפטליך-טעאלאגישען פירוש. די דאזיגע איבערזעצונג ווערט ערהיום פערעכענט פאר א מייסטערווערק. פאטשי האט דערנאך אויך איבערזעצט דעם סידור, מחזור, מעהרערע מסכתות פון תלמוד בבלי, ספרי מוסר און אויך פערשידענע הלכות פון שולחן-ערוך.

פאטשי האט אבער געוואלט נישט נאר טעארעטיש בעקענען די סובאטניקעס מיט דער יודישקייט נאר האט געוואלט אויך ווייזען פראקטישע מעשים אין טאג-טעגליכען לעבען. צו דעם צוועק האט פאטשי ביי זיך אין דארף געגרינדעט א „יודישען הויף". וואו זיינע אלע אנהענגער האבען שטרענג אפגעהיטען שבת און יום-טוב, געבענטשט לכיט און זיך אויסגעפוצט אין שבת'דיגע און יום-טוב'דיגע קליידער. געגעסען נאר כשר און געווען נזהר אין געברויכען מילכיגע און פליישיגע געשיר. בעיקר האבען זיי שטארק מדקדק געווען אין פייערן פסח לויט אלע מנהגים, פונקט אזוי ווי פרומע יודען. זיי פלעגען אויך דאווענען ותיקין און א סך פון זיי האבען זיך אויך מל געווען. דאס קאנצענטרירען זיך ארום דעם דאזיגען יודישען הויף איז אלץ געוואקסען און געוואקסען אזוי, אז אין דער ערשטער העלפט פון זיבצענטען יאהרהונדערט געפינען מיר שוין ארום דעם „יודישען הויף" גאנצע עלף דערפער און שטעטלעך פול מיט סובאטניקעס פון די פערשידענסטע שיכטען. פאר אלעמען איז דער „יודישער הויף" געווען א מין „ירושלים של מטה", וואוהין מ'פלעגט עולה-רגל זיין צו הערען די רייד פון גייסטיגען מנהיג.

אזוי איז געווען ביז'ן יאהר 1638, ווען דער פירשט ראקאטשי. דער הערשער פון זיבענבירגען האט געמאכט א סוף צו דער „זייער שעדליכער פאר דער מלוכה" השפעה פון פאטשי. ווען מ'האט די סובאטניקעס געצוואונגען זיך אומצוקעהרען צום קריסטענטום און זיי האבען דאס נישט געוואלט טון, זענען קאנפיסקירט געווארען זייערע פערמעגענס און הונדערטער סובאטניקעס צוזאמען מיט פאטשי און זיינע פינף טעכטער זענען פערמשפט געווארען צו טויט.

און דא מוז געזאגט ווערען צום שבח פון די קריסטען אין זיבענבירגען, אז ס'האט זיך נישט איינגעפונען קיין איינער צווישען זיי, וואס זאל וועלען דורכפיהרען דעם טויט-אורטייל איבער די פערמשפטע און פשוט צוליב דעם זענען זיי פערבליבען ביים לעבען, ביז ס'זענען גראד געקומען פינף וואנדערנדע ציגיינער, וועלכע מ'האט געדונגען דורכצופיהרען דעם טויט-אורטייל איבער דעם טעטיגסטען צווישען די סובאטניקעס, יאהאן פון קלויזענבורג און די איבעריגע האט מען די טויט-שטראף פערביטען אויף אייביגע תפיסה. פאטשי, וועלכער איז שוין דאן אלט געווען 78 יאהר האט, נישט האבענדיג קיין אנדער אויסוועג מודיע געווען זיינע ריכטער, אז ער טרעט אריין אין דער אוניטארער געמיינדע, וועלכע איז געווען דערלויבט אין זיבענבירגען. דאס איז אבער געווען נאר לפנים וועגען — פאטשי האט זיך נוהג געווען אזוי ווי די מאראנען אין שפאניען און האט אפגעהיט יודישקייט ביז זיין טויט. אין יאהר 1643 איז ער איינגעזאם און פערלאזען געשטארבען.

נאכ'ן טויט פון פאטשי זענען א סך סובאטניקעס אנטלאפען אין טערקיי אדער זיך אויסבעהאלטען אין וועלדער, וואו זיי האבען געהיט יודישקייט. די רדיפות אויף די סובאטניקעס זענען דאן געווארען אלץ שטארקער און נאר א סך האבען נעמוזט רעטעווען דאס לעבען און אנטלויפען, איבערלאזענדיג זייער גאנצען פערמעגען אויף הפקר.

גאר שטארק האבען זיך נגלאזט פיהלען די רדיפות אין דער צייט פון מאריא טערעזא, וועלכע האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אין יעדער שטוב פון א סובאטניק זאל אריינגעזעצט ווערען א גלח מיט א סאלדאט. זיי דארפען לערנען יעדען טאג מיט'ן סובאטניק די קאטוילישע טעארעטישע לימודים, איהם זאגען מוסר, צווינגען איהם צו טון שבת און יום-טוב די שווערסטע ארבייט און אויסעסען, אז זונטאג און די קריסטליכע פייערטעג זאלען שטארק אפגעהיט ווערען.

אמאל פלעגט זיך אבער טרעפען, אז דער סאלדאט האט זיך מגייר געווען צוזאמען מיט'ן סובאטניק און דאן איז געווען דער כעס גאר גרויס...

אט אזוי האבען די סובאטניקעס געליטען פון פערשידענע פערפאלגונגען ביז'ן יאהר 1867. ווען ס'איז געקומען פאר זיי די אמת'ע בעפרייאונג, פון דאן אן האבען זיי עפענטליך געקאנט אפהיטען זייער גלויבען — א סך פון זיי האבען זיך מגייר געווען און בעגרינדעט אנ'אייגענע קהלה פון סובאטניקעס — מתיהדים. די דאזיגע גרים האבען זיך אויסגעבויט אנ'אייגענע שוהל, געהאט א רב, א שוחט און א חזן. אין יענע געגענדען זענען געווען פעראן נאך הונדערטער און טויזענדער גרים וועגען וועלכע מיר האבען נאך נישט קיין גענויע ידיעות.

אויפ'ן שקלאפען-מארק

פון לעאן קאברין

— 2. —

פריינד און קרובים האבען זיך דא געטראפען אומגעריכטערהייט, האבען זיך געפרעהט איינער מיט'ן אנדערען און בעוויינט צוזאמען זייער אומגליק. דא האט זיך געטראפען א מוטער מיט איהר טאכטער, א פרוי האט געטראפען איהר מאן, וועלכען זי האט שוין געהאלטען פאר טויט, און א שוועסטער האט דארט געפונען איהר ברודער.

אין דעם טרויער איבער זייער אומגליקליכען שיקזאל האט זיך אריינגעמישט די פרייד פון טרעפען זיך. שמייכעל און טרעהרען, פריידענסגעשרייען און יאמער האבען זיך געמישט צוזאמען, ווי ליכט און שאטען, ווי רעגען און זונשיין. פאר א סך פון זיי איז געווען א גליק אויסצוגעפינען, אז זייערע נאהענטסטע לעבען נאך, צי קאנען זיי זעהען און דריקען זייערע הענד. און אהן א שיעור פרייד האט זיי פערשאפט צו הערען נאך אמאל זייער מוטער-שפראך פון די ליפען פון די דאזיגע אייגענע און נאהענטע מענשען.

פון אייגענער פריהערדיגער דערפאהרונג האט ראובן צו גוט געוואוסט, וואס קנעכטשאפט איז; אבער ער האט געציטערט נישט פאר זיך, נאר פאר מרים'ען. זי, מרים, א שקלאפין, אין די הענד פון א בייזען, שלעכטען, פערגרעבטען, צעווילדעוועטען בעל-הבית! דער געדאנק אליין האט איהם משוגע געמאכט.

— אום גאטעס ווילען, ראובן, וואס איז מיט דיר? — האט מרים געפרעגט, ווען זי האט געזעהן, ווי פערצווייפעלט ער איז געווען. — וואס קוקסטו אזוי אויף מיר?

ראובן האט ארויסגעמורמעלט:

— באלד וועט מען אונז צושיידען. אפשר אויף אייביג... אויסגעקייסט אונז איינעם פונ'ם אנדערען...

מרים האט זיך א כאפ געטון, אזוי ווי א שלאנג וואלט זי א ביס געטון מיט א געשריי:

— יא, איך האב גאר פערגעסען! דעם נשיא'ס טאכטער א שקלאפין. איך וועל דאס נישט איבערלעבען!

— מיר זענען ביי אונזערע שונאים אין די הענד,— האט ראובן א בלייכער געמורמעלט.

— בעסער דער טויט, איידער אזא שאנד! — האט מרים מיטאמאל געזאגט, און אין איהרע אויגען האט זיך עפעס אנגעצונדען. — ליבערשט לאמיר צוזאמען שטארבען און דורך אונזער טויט לאמיר זיך בעפרייען פון שקלאפעריי.

— שטארבען מיט דיר וואלט געווען פאר מיר דאס העכסטע גליק. איך האב שוין געטראכט דערפון, מרים, אבער מיר האט געפעהלט דער מוט דיר דאס פארצולייגען..

— איך בין נישט אזוי שוואך, ווי דו מיינסט. הויב די האנד איבער מיר, און איך וועל אפילו נישט א ציטער טון!

— מרים, — האט ראובן ארויסגעפליסטערט און ער האט אינגאנצען געציטערט, — דו ווייסט נישט, וואס דו פערלאנגסט פון מיר...

— איך פערלאנג דעם טויט פון דיין האנד. ראטעווע מיך פון אט דער שאנד, פון שקלאפעריי, ראטעווע דעם נשיא'ס טאכטער!

געגען זיין ווילען האט ראובן ארויסגעשלעפט פון די פאלדען פון זיין מלבוש א קינזשאל, וואס איהם האט זיך איינגעגעבען צו בעהאלטען פון די בליקען פון די געפענגעניש וועכטער, און זיין האנד האט געציטערט, בעת זי האט דערפיהלט דעם קאלטען שטאל, און אזא שרעק האט איהם, ראובנ'ען, אנגעכאפט, אז ביי איהם האט זיך ארויסגעריסען:

— ניין, איך קאן דיך נישט טויטען, מרים, איך קאן נישט!

— אויב דו קאנסט נישט, גיב מיר דאס אין האנד אריין. איך ווייס, וואו מיין הארץ געפינט זיך!

און האסטיג האט זי ארויסגעריסען פון זיינע הענד דעם קינזשאל, האט איהם אבער גלייך געמוזט בעהאלטען ביי זיך אין בוזים, ווייל אין דער אייגענער רגע איז צוגעקומען צו איהר דער שקלאפענהענדלער מיט איינעם פון זיינע רייכע קונדען.

— אט דא איז זי! האט גערעדט פלארוס מיט התפעלות, — מיין פערל, מיין אוצר, די קעניגין פון אלע יודישע פרויען! האב איך דיר נישט געזאגט, אז אזא פערשוין טרעפט מען זעלטען?

— יא, זי איז שעהן! — האט געענטפערט דער קונד, איינער פון די רייכע רוימער,— אבער צו טייער.

— צו טייער? — צוואנציג טויזענד סעסטערצען פאר אזא פערשוין איז ביי דיר טייער? עס איז דאך גאר קיין געלד נישט. ווען דו וועסט א מראכט טון, וויפיל פערגעניגען דו וועסט פון איהר האבען...

— איך וויל זי אנקוקען בעסער, — האט דער קונד געזאגט. — זאל זי זיך אויפהויבען. איך וויל בעסער זעהען איהר געשטאלט.

— הויב זיך אויף, פייגעלע מיינס! — האט זיך אנגערופען דער שקלאפענהענדלער צו מרים'ען און זי אנגענומען פאר אנ'ארעם. — הויב זיך אויף און ווייז דעם הער, ווי שעהן דו ביזט געוואקסען. דו הערסט פייגעלע מיינס?

מרים איז בלייך געווארען אזוי ווי דער טויט, און מיט א מינע פון טיפען עקעל האט זי אפגעשטויסען די האנד פון דעם שקלאפענהענדלער און ראובן האט בשעת דעם זיך קוים איינגעהאלטען פון ארויסצווארפען זיך אויפ'ן שקלאפענהענדלער.

— אהא, מיין טייבעלע, — האט מיט כעס געזאגט דער שקלאפענהענדלער צו מרים'ען,— אזוי גאר? דו ווילסט מיך נישט פאלגען? טו, וואס איך הי"ס דיך, אז נישט, איז דא די בייטש!

און ער האט א הויב געטון די בייטש איבער איהר. אבער איידער ער האט צייט געהאט זי ארונטערצולאזען, האט מרים ארויסגעכאפט פון איהר בוזים דעם קינזשאל. זי האט שוין געהאט אנגעשטעלט איהר האנד מיט דעם בליאסקעדיגען שטאל געגען איהר הארצען, אבער דער שקלאפענהענדלער האט מיט אימפעט ארויסגעשלאגען דעם קינזשאל פון איהר האנד.

ראובן האט זיך דאן מיט א ווילדען געשריי א ווארף געטון אויפ'ן שקלאפענהענדלער און א פאק געטון איהם ביים האלז. ער וואלט איהם זיכער דערווארגען, ווען נישט די וועכטער, וועלכע זענען געקומען זייער בעל-הבית צו הילף. זיי האבען איהם ארויסגעריסען פון ראובנ'ס הענד, און ער, דער בעל-הבית זייערער, דער שקלאפענהענדלער, האט געשריגען, ווייזענדיג מיט דער האנד אויף ראובנ'ען:

— דער'הרג'עט דעם הונט! בינדט איהם און הענגט איהם אויף!

דער רייכער קונד זיינער האט בעמערקט:

— דו האסט נישט קיין רעכט צו טויטען דעם יודען, ווייל ער איז דאס רעגירונגס-אייגענטום. נאר דער רעגירונגס-ריכטער אליין קאן איהם פער'משפט'ן. די קלענסטע שטראף, וואס ער קאן דערוואַרטען איז לעבענסלענגליכע שווערע ארבייט, אויב מען וועט איהם נישט פערמשפט'ן צום טויט. און אויך דאס יודישע מיידעל האט נישט געהאט קיין רעכט צו וועלען זיך נעמען דאס לעבען, ווייל זי איז א שקלאפין. זי האט קיין שום רעכט נישט אויף איהר לעבען, און איהר קומט דערפאר אויך א שווערע שטראף.

— דו ביזט גערעכט! — האט זיך אנגערופען דער שקלאפענהענדלער. — מיר וועלען זיי ביידע איבערגעבען צום ריכטער, און זאל ער זיי בעשטראפען. אזעלכע דארפען געקרייציגט ווערען!

אויף זיין בעפעהל האט מען די אומגליקליכע ווידער געשמידט אין קייטען, און די וועכטער האבען זיי אוועקגעשלעפט צום הויפט-ריכטער פון שטאט. און בעגלייט האט זיי דער שקלאפענהענדלער אלס אנקלאגער און דער רייכער קונד, וואס האט געוואלט זיין אנ'עדות.

אויפ'ן וועג זענען זיי אנטקעגענגעקומען צוויי חשוב'ע מענער, איינער אנ'עלטערער און דער אנדערער אין די מיטעלע יאהרען. זיי זענען ביידע געווען פערטון, ווי עס איז געווען קענטיג, אין אנ'ערנסטען שמועס.

מיטאמאל האט דער עלטערער פון זיי בעמערקט ראובנ'ען און די אנדערע. אנ'איבערראשטער האט ער איבערגעלאזט דעם, מיט וועמען ער איז געגאנגען, און האט זיך א ווארף געטון צו ראובנ'ען מיט א געשריי:

— מיין פריינד! מיין זוהן!

— מוסאניוס! — האט זיך ביי ראובנ'ען ארויסגעריסען.

און נישט קוקענדיג, נישט אויף די וועכטער, נישט אויפ'ן שקלאפענהענדלער, האבען זיך די ביידע פריינד, ראובן און דער אנגעזעהענער פילאזאף, געווארפען איינער דעם אנדערען אויפ'ן האלז.

(סוף)

האַנדווערקעריי און האַנדעל

אויף דער וואָך

אַנשטאַט פערגרעסערן — איז דער קרעדיט פערקלענערט געוואָרען

אין סאַמע אָנהויב פון סעזאָן, ווען אַלע צווייגען פון ווירטשאַפטליכען לעבען נויטיגען זיך אין אַ סך געלד און דער עיקר אין קרעדיט, ווערט ווייטער פאָרטגעזעצט די פּאָליטיק פון אָפּציהען דעם קרעדיט פון דער פאַבריקאַציע און האַנדעל.

אין משך פון די ערשטע 10 טעג פון היינטיגען מאָנאַט האָט באַנק פּאָלסקי אָבגעזויגען וועקסעל-קרעדיט פאַר קנאַפּע 21 מיליאָן זל. אַרום און אַרום בעטרעפט איצט שוין דער דיסקאָנטאָ־קרעדיט פון באַנק-פּאָלסקי 637 מיליאָן זל. און די צאָהל געלד אין אומגאַנג איז געוואָרען אין די 10 טעג פערקלענערט מיט 33 מיליאָן זל.

פערקוקענדיג זיך אויף באַנק פּאָלסקי טוען דאָס זעלבע די אַלע אַנדערע בענק, זיי בעשווערען זעהר שטאַרק די דיסקאָנטאָ און מיט אַלערליי תירוצים וואַרפען זיי אָפּ די גרעסטע טייל וועקסלען פון די בעסטע פירמעס אין פוילען.

די טאַקטיק פון באַנק-פּאָלסקי צו פערקלענערען און צו בעשווערען די דיסקאָנטאָ ווערט מאָטיווירט מיט דער שטרעבונג צו פערהיטען דעם גאַנג פון אויפטרייסלענישען און כדי די גאָלד-דעקונג פאַר די באַנקנאָטען זאָל זיין אַ גענוגענדע. ווען עס וואָלט געווען מעהר געלד און וואַלוטע אין דער באַנק, וואָלט דער קרעדיט געוואָרען גרעסער.

פאַר דעם האַנדעל אָבער איז דאָס דערווייל אַ גרויסע בעשווערונג. אַזוי ווי דאָס גאַנצע ווירטשאַפטליכע לעבען איז איין קייט, ווירקט זעהר די קרעדיט-שוועריגקייטען אויף אַלע געביטען פון האַנדעל. צוליב דעם מוזען אויך די פאַבריקאַנטען פערקלענערען די קרעדיטען. דאָסזעלבע מוזען טון די סוחרים ביי די קלענסטע קונדען.

אין די לעצטע טעג פיהלט מען אַ גרויסען דוחק אין מזומן-געלד, יעדער מוז האָבען געלד אויף צו קויפען סחורה, יעדער זוכט זאַקע געלד, מען בעמיהט זיך צו באָרגען און צו בעקומען געלד, וואו עס לאָזט זיך נאָר. דאָס קומט אָבער אָן זעהר און זעהר שווער. אויך די פּריוואַטע דיסקאָנטאָ מאַכט גרויסע שוועריגקייטען ביים דיסקאָנטירען וועקסלען, ווייל מען האָט דאָס געלד פערווענדעט אויף צו שפּעקולירען מיט אַקציעס און ווערט-פּאַפּירען.

דער גרויסער דוחק פון געלד רופט זיך אָן זעהר שלעכט אויפ׳ן האַנדעל. די סעזאָן-טראַנ־זאַקציעס קאָנען זיך נישט אַנטוויקלען ווי עס דאַרף צו זיין. מען קויפט איין קוים אַ צעהנטל-חלק דערפון וואָס מען וויל איינקויפען.

סוף צו ביזוויליקייטען

דער נייער שטראָף-קאָדעקס, וועלכער איז אַריין אין קראַפט פונ׳ם 1־טען סעפטעמבער, דאָט אַריינגעפיהרט אַ גאַנצע רייהע נייע בעגריפען ווע־גען פערברעכענס, וועלכע דאַרפען אינטערעסירען אַממעהרסטען דעם ברייטען סוחרישען עולם.

אין די לעצטע צייטען, ווען די קראַטען מעהרען זיך פון טאָג צו טאָג, איז זעהר איינגעפיהרט אין דער ... אונטערשרייבען געשעפטען און זאָגען אויף אַנדערע נעמען; ביי היינטיגען טאָג איז נאָך ווייניג צו האָבען אַ וועקסעל אָדער אַפילו אַ געריכטס-אורטייל, אַז ס׳קומט געלד; די הויפּט־פראַגע איז שטענדיג, צי דער שולדיגער האָט זיך נישט בעוואָרענט, אַז מען זאָל ביי איהם נישט קענען מאָהנען; גאַנץ אָפט געשעהט אויך, אַז מ׳קומט שוין מיט דעם קאָמאָרניק און מ׳קען גאָר נישט מאַכען; ס׳געשעהען אַפילו אַזעלכע פאַלען, אַז דעם שולדיגערס געשעפט איז געפּאַקט מיט סחורה, און דאָך קען מען ביי איהם נישט אויפמאָהנען דעם חוב, ווייל פאָרמעל איז ער נאָר אַ געדונגענער מענש ביי זיין ווייב, שוויגער אָדער אַזוי אַ גוטען פריינד, יעדער ווייס גאַנץ גוט אַז דאָס איז אַ פיקציע, אָבער אויפ׳ן געזעצליכען וועג איז שווער די פיקציע אויפצווייזען.

צו דעם אומנאָרמאַלען צושטאַנד וועט מאַכען אַ סוף דער נייער שטראָף-קאָדעקס.

לויט׳ן נייעם געזעץ וועט מען פאַר מאַכען אַזעלכע פיקציעס אום נישט צאָהלען קיין חובות, בעשטראָפט ווערען מיט תפיסה ביז פינף יאָהר, (פערברעכען) איז גלייכגילטיג, אויף וואָס פאַר אַ אופן דער שולדיגער האָט זיך בעוואָרענט פאַר די קרעדיטאָרען; דיזעלבע שטראָף קומט פאַר איבערשרייבען דאָס פערמעגען אויף אַ פרעמדען נאָמען, מאַכען אַ פיקטיווע ליצטאַציע, בעהאַלטען די סחורה א. אַז. וו. בכדי פּראַקטיש אָפּצושרעקען דעם עולם פון מאַכען פיקציעס, בעשטימט דער שטראָף-קאָדעקס אַ שטראָף ביז 3 יאָהר תפיסה פאַר געבען הילף ביים אויסדרעהען זיך פון צאָהלען חובות; עס דראָהט אַלזאָ אַ שטראָף יעדען, וועלכער נעהמט אַנטייל אין אַ פיקטיווער ליציטאַציע, ווי אויך דעם, אויף וועלכענס נאָמען דאָס געשעפט ווערט איבערגעשריבען א. אַז. וו.

די לעצטע בעוואָרענישען וועלען קענען שטאַרק ווירקען אויף מאַכען פיקציעס, ווייל קיינער וועט נישט וועלען פאַר אַ טובה ריזיקירען; איבריגענס, ווי ס׳וועט אויסזעהען די פּראַקטיק לויט׳ן נייעם געזעץ וועט די צייט ווייזען, יעדענפאַלס דאָרף פער־רעכענען אַלס פערברעכען די פערשידענע פיקציעס וועלכע זענען ביז׳ן היינטיגען טאָג געווען אַ טאָג־טעגליכע ערשיינונג, וואָס ברענגען ערנסטע פאַל־בען אין דער מסחר-וועלט.

וואָס יעדער סוחר און האַנדווערקער דאַרף וויסען

האַנדווערקער און קליינהענדלער פערלאַנגען צו פערקלענערען דעם „ריטשאַלט"

אין משך פון די לעצטע 10 טעג האָט דאָס פי־נאַנץ-מיניסטעריום בעקומען עטליכע מעמאָריאַלען פון יודישע און קריסטליכע פעראיינען פון האַנד־ווערקער און קליינהענדלער, אַז מען זאָל פערקלע־נערען דעם ריטשאַלט-אומזאַץ-שטייער.

די פעראיינען ווייזען אָן, אַז אין היינטיגען יאָהר איז דער אומזאַץ מינדעסטענס מיט אַ דריט־טעל קלענער.

פון גוט-אינפאָרמירטע קוועלען דערוויסען מיר זיך, אַז פאַר קאָלאָניאַל-סוחרים וועט מען פערקלע־נערען די זאַליטשקעס פון אָקטאָבער אָן, דאָס הייסט פון דער פערטער זאַליטשקע אָן.

סטאַווקעס פאַר הכנסה-שטייער אויפ׳ן יאָהר 1932

ווי מ׳טיילט אונז מיט, האָט דאָס פינאַנץ-מי־ניסטעריום בעשטעטיגט די פריהעריגע „מיטעלע הכנסה-שטייער סטאַווקעס" אויפ׳ן יאָהר 1932.

די סטאַווקעס זענען אין אַ סך פאַלען קלענער ווי די פריהעריגע און דאָס זענען: ברען-מאַטער־יאַלען 10 פּראָצ. מעבעל 12 פּראָצ., שיך — 10 פּראָצ., קוך-געשיר — 10 פּראָצ. גלאָז, פאַיאַנס — 12 פּראָצ., מאַנופאַקטור — 6—8 פּראָצ., פערטיגע (?) ...ענציגער — 9 פּראָצ., גאַלאַנטעריע — 10 פּראָצ., ...פּיין — 7 פּראָצ., קאָלאָניאַל — 8 פּראָצ., פיש — 12 פּראָצ., גרינצייג — 12 פּראָצ., פרוכטען, צו־קערוואַרג — 15 פּראָצ., מילכוואַרג — 8 פּראָצ., ביער-שענקען — 10 פּראָצ., צוקערניעס — 15 פּראָצ., מלעטשאַרניעס, העבאַטשאַרניעס — 15 פּראָצענט.

צי איז אַ מאַן פעראַנטוואָרטליך פאַר די חובות פון זיין געוועזענער כלה

אַ מיידעל, וואָס איז שולדיג געלד און זי האָט אויסגעשטעלט וועקסלען, און זי האָט חתונה, איז דער מאַן נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר איהרע חובות און וועקסלען און מען קאָן זיי נישט מאָהנען פון איהם. מען וועט די דאָזיגע וועקסעל-חובות קאָנען מאָהנען נאָר פון איהר אייגען פערמעגען, למשל פון איהר ציהרונג, פון איהר קליידונג א. ד. גל.

ווען דאַרף אַ פרוי צאָהלען איהר מאַנס שטייערען

אַ פרוי, וואָס האָט זיך געעפענט אַ אייגען גע־וועלב איז פעראַנטוואָרטליך פאַר די שטייערען, וואָס עס איז געבליבען שולדיג איהר מאַן פון זיין ליקווידירט געשעפט.

אויב זי וועט אַ געוויסע צייט האַנדלען אין איהר אייגענעם נייעם לאָקאַל, וועט מען ביי איהר זיכער נישט קאָנען מאָהנען דעם מאַנס שטייער, דאָס הייסט, אויב זי וועט זיך באַלד איבערציהען אין לאָקאַל, וואו איהר מאַן האָט פריהער געהאַנדעלט, וועט מען דאָס מוזען אָננעהמען, אַז די פרוי האָט איבערגענומען דעם מאַנס האַנדעל און זי מוז דעריבער צאָהלען זיינע חובות און שטייערען.

נאָך וועגען הנחה-עקזאַמענס פאַר האַנדווערקער

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער טערמין אויף אָפּצוגעבען פעראיינפאַכטע עקזאַמענס ענדיגט זיך, זענען נאָך אַ סך יודישע האַנדווערקער נישט געגאַנגען צו די פעראיינפאַכטע עקזאַמענס, וואָס ס׳שטעלען מיט זיך פאָר בלויז אַ פאָרמאַליטעט פאַר די האַנדווערקער.

פון 15. דעצעמבער ה. י. וועלען שוין קיין הנחות אויף פעראיינפאַכטע עקזאַמענס נישט געגע־בען ווערען און די, וועלכע וועלען זיך עקזאַמי־נירען, וועלען געצוואונגען זיין דורכצומאַכען אַ שווערע פּראָצעדור, לויט די האַרבע תקנות פון צעכען-געזעץ.

אַ האַנדווערקער נישט קיין עקזאַמינירטער בעקומט נישט קיין דיפּלאָם און קען נישט בעהמען קיין טערמינאַטאָר׳ס צום לערנען, ווערט נישט צו־געלאָזען צו קיין טאַרגעס, קען נישט אָנשרייבען אויף דער שילד דעם נאָמען מייסטער און האָט נאָך אַ סך אַנדערע שוועריגקייטען.

האַנדווערקער וועגען ענדערען דאָס געזעץ וועגן סאָציאַלע פערזיכערונגען

די האַנדווערקער-קאַמער האָט זיך לעצטענס בעשעפטיגט מיט דעם פּראָיעקט פון ענדערען דאָס געזעץ פון די סאָציאַלע פערזיכערונגען. דער פּראָ־יעקט איז דורכ׳ן מיניסטעריום אַריינגעגעבען געוואָ־רען אין סיים, וועלכע האָט דעם זעלבען איבערגע־שיקט די ווירטשאַפטליכע קאַמערן. די קאַמערן פון זייער זייט האָבען דעם פּראָיעקט איבערגעשיקט די ווירטשאַפטליכע פעראיינען, וועלכע בעשעפטי־גען זיך זייט אַ קורצער צייט דערמיט.

דער פּראָיעקט זעהט פאָר פערשידענע ענ־דערונגען אין ביזאיצטיגען געזעץ, און דער הויפּט־זאַך זאָלען אַלע ביזאיצטיגע אינסטיטוציעס ווי די קראַנקען-קאַסע, אַרבייטסלאָזען אַמט און די פער־זיכערונגס-געזעלשאַפט פאַר גייסטיגע אַרבייטער פעראייניגט ווערען אין איין פערזיכערונגס-קאַסע. דאָס זאָל פערקלענערען די אַדמיניסטראַציע-קאָסטען און אויסמיידען סכסוכים וועגען דער קאָמפּעטענץ פון יעדער פון די אינסטיטוציעס.

אין די האַנדווערקער-קרייזען רעכענט מען אַרויסצוטרעטען מיט פערשידענע פערבעסערונגען פון געזעץ, וועלכע זאָלען זיין צוגעפּאַסט צו דער לאַגע פון האַנדווערקער. ... ווערט למשל צווישען אַנדערע אויסבעסערונגען געפאָדערט אַז דער ביי־טראַג פון האַנדווערק זאָל זיין קלענער ווי אין דער אינדוסטריע, די כאַלופּניקעס זאָל אויך גענִי־סען געזיכערט ווערען הילף אין אַ קראַנקהייטס־פאַל אָדער ביי אַרבייטסלאָזיגקייט.

וועגען ביליגער מאַכען קויהלען

די פּראַגע וועגען ביליגער מאַכען דעם פּרייז פון קוילען ווערט איצט גענוי אויסגעפאָרשט דורך די רעגירונגס-פאַקטאָרען, דערביי איז פערהאַן אַ בולטע טענדענץ, אַז דער פּרייז פון קוילען זאָל פערקלענערט ווערען.

לעת עתה ווערט דאָס דאָזיגע פּראָבלעם בעה־אַנדעלט דורך דער קוילען-קאָנווענץ אין קאַטאָוויץ.

היינט קומט פאָר וועגען דעם אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ אין האַנדעלס-מיניסטעריום מיט׳ן אָנ־טייל פון די קוילען-אינדוסטריעלער.

פעראיינפאַכטע בוכפיהרונג פאַר סוחרים און האַנדווערקער

די סוחרים און האַנדווערקער, וואָס ווילען איינפיהרען פעראיינפאַכטע בוכהאַלטעריע, דאַרפען וויסען, אַז מען מוז דורכאויס האָבען איין געשנור־רעוועטע בוך, וואָס מוז ווערען געסטעמפּעלט.

סוחרים מוזען האָבען געשנורעוועט דאָס סחורה-בוך, אין וועלכען מען פערשרייבט די סחורה וואָס ווערט געקויפט און פערקויפט.

האַנדווערקער מוזען האָבען געשנורעוועט דאָס פּראָדוקציע-בוך, אין וועלכען עס ווערט פערשריבען די רויהע שטאָפען און סחורות, און די פערטיגע סחורות, וואָס ווערען פערפערטיגט און פערקויפט.

דאָס געשנורעוועטע בוך, דאַרף מען לאָזען סטעמפּלען אין אָרטיגען שטייער-אַמט, אָדער אין דער האַנדעלס-קאַמער.

דאָס סטעמפּלען די פעראייפאַכטע בוכהאַל־טעריע-ביכער אין אַן אַנדערען אַמט איז נישט גילטיג.

פאַר סטעמפּלען אַ בוך צאָהלט מען 5 זלאָטיס.

קלענער שאַצען דעם הכנסה-שטייער

אין די ווירטשאַפטליכע קרייזען איז מען דעצי־דירט זיך צו ווענדען צו דער שטייער-מאַכט מיט אַ פאָדערונג, דאָס מען זאָל דעם הכנסה-שטייער שאַצען מיט 25 פּראָצענט קלענער אין פערגלייך צו די פריהערדיגע יאָהרען.

אַזוי ווי ס׳איז דאָך בעקאַנט און זיכער, אַז אין אַלע צווייגען פון האַנדעל, פאַבריקאַציע, האַנד־ווערק און פינאַנצען איז דער אומזאַץ און צוזאַמען דערמיט די הכנסה קלענער געוואָרען מיט 25 ביז 50 פּראָצענט, זאָל מען די שאַצונג פון הכנסה פאַר די דערמאָהנטע אונטערנעהמונגען אָהן ביכער שאַ־צען מינדעסטענס מיט 25 פּראָצענט קלענער, דאָס שאַצען מעהר און דערנאָך נישט קענען איינקאַסירען איז העכסט שעדליך פאַר אַלעמען.

פון וועלכע „זשאַרובקעס" דאַרף מען צאָהלען די 20-ער גראָשענס

(א) עס ווערט אויפגעקלעהרט, אַז די 20-ער גראָשענס לטובת די אַרבייטסלאָזע דאַרפען די פערקויפער איינמאָהנען פאַר פולשטענדיג נייע עלעקטרישע לעמפּלעך, און דאָס איינקאַסירטע אַריינטראָגען אין דער פינאַנץ-קאַסע ביים איינצאָה־לען די נאָהענטסטע ראַטע פון אומזאַץ-שטייער. פון איבערגעאַרבייטע לעמפּלעך ווערען די צוואַנציגער נישט גענומען.

וועגען דעם גאַסען-האַנדעל פאַר יום-טוב

קאָנפערענץ אין צענטראַלען קליינהענדלער-פעראיין

אין צענטראַלען קליינהענדלער פעראיין איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון פאָרשטעהער פון אַלע סעקציעס, אָפּטיילונגען, און פעראיינען וועלכע זע־נען אָנגעשלאָסען אין צענטראַלען קליינהענדלער־פעראיין, אויפ׳ן טאָג-אָרדנונג האָבען זיך געפונען זעהר וויכטיגע פּראַגען, ווי די פערשאַרפטע עקזע־קוציע פאָרשריפטען, דער גאַסען האַנדעל א. א.

דער פאָרזיצענדער ראַטמאַן כאַריי אונטער־שטרייכט, אַז פון גאַנץ פוילען האָט די איינציגע שטאָט לאָדז אויפגעהויבען אַ אַלאַרם אין די פּראַגע „פערשאַרפטע עקזעקוציע פאָרשריפטען", די אַקציע האָט זיך פון לאָדז איבערגעטראָגען אויפ׳ן געביט פון וואַרשע. אַ דאַנק די בעמיהונגען פון דער לאָדזער האַנדעלס-קאַמער, האָט דער פּרעזעס פון דער לאָדזער פינאַנץ-קאַמער פעראָרדנט, אַז פערזענ־ליכע רעוויזיעס, ווי אויך רעוויזיעס אין די וואוינונ־גען ביינאַכט, שבת און יום טוב זאָלען פאַרקומען אין אויסערגעוועהנליכע פאַלען און אויך דאַמאָלס וועלען די שטייער אַמטער מוזען יעדען בעזונדער׳ן פאַל פאָרשטעלען דער פינאַנץ-קאַמער, אַזוי אַז וועגען אויסשטעלען בעפולמעכטיגונגען פאַר די רעק־ווער... אויף רעוויזיעס אין בלאַנקאָ קאָן קיין רייד נישט זיין.

נאָך דעם ווערט בעריהרט די פּראַגע פון גאַסען האַנדעל אין די פאַר יום טוב טעג. יעדעס יאָהר ווערען געמאַכט בעמיהונגען ביים לאָדזער שטעטי־שען סטאַראָסטאַ, וועגען ערלויבען האַנדלען אויף ווסכאָדניאַ גאַס אין ערב יום טוב טעג. די געוועלב־בעזיצער זאָגען זיך אַרויס געגען דעם, ווייל די גאַסען הענדלער קאָנקורירען מיט די געוועלבער, יעדאָך געלונגט עס איבערצייגען די קליינהענד־לער פאָרשטעהער, אַז דורך די עטליכע טעג קען אַמהעכסטען יעדער קליינהענדלער הזיק האָבען אַ פּאָר קליינע זלאָטעס הכנסה און אַמאָל דאָס אויך נישט, אַז אין אַזאַ שרעקליכע צייט מוז מען ערלויבען דעם גאַסען-האַנדעל.

נאָך דעם ווערט אָנגענומען אַ בעשלוס, אונ־טערצושטיצען די אַקציע פון די לאָקאַטאָרען פעראיינען, צו פערקלענערען דאָס דירה געלד.

היינט — אַ קאָנפערענץ פון יודישע און קריסטליכע קליינהענדלער-פעראיינען וועגען צענניקעס

דער לאָדזער שטעטישער סטאַראָסטאַ האָט אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג וועגען אַרויסשטעלען פּרייזען און — בעזיצען צענניקעס.

די פליכט פון בעזיצען צענניקעס לויט׳ן פעראָרדנונג האָבען בעזיצער פון סקלאַדען, געוועלבער, יאַטקעס, סטראַגאַנען, רעסטאָראַנען, וואָקזאַל-בופעטען, צוקערניעס און אַנדערע אונטערנעהמונגען.

די צענניקעס דאַרפען הענגען אויף אַ אָנזעהעוודיג אָרט.

די פּרייזען מוזען שטימען מיט די ווירקליכע פערקויפס-פּרייזען.

די צענניקעס מוזען זיין געשריבען אָדער גע־דרוקט און מוזען בעזיצען דעם נאָמען פון דער פירמע און די דאַטע פון צוזאַמענשטעלען דעם צענניק.

פאַר נישט אָפּהיטען די אויבענדערמאָנטע פאָר־שריפטען דראָהט ביז איין מאָנאַט אַרעסט אָדער ביז 1,000 גילדען שטראָף.

צו די אַרטיקלען וואָס דאַרפען בעזיצען פּריי־זען זענען: געוויקסע (און זייערע אויסאַרבייטונג), גרינצייג, מילכוואַרג, אייער, פיש, געטראַנקע און פּאָטראַוועס, פרוכטען, פלייש, וואורשט, געפליגעל, שמאַלץ, קאָלאָניאַל און שפּייז אַרטיקלען, גאַלאַנ־טעריע און בעקליידונגס אַרטיקלען, ברען-מאַטע־ריאַל, בעלייכטונגס אַרטיקלען פאַשע, בוי-אַרטיקלען, לעדער, שול-אַרטיקלען, שרייב-מאַטעריאַל, און אַפּטייק-אַרטיקלען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קומט פאָר היינט דינסטאַג אין צענטראַלען קליינהענדלער פעראיין, פּאָמאָרסקאַ 15 אַ קאָנפ[ערענץ] ... פון אַלע לאָדזשער יודישע און קריסטליכע קליינהענד־לער פעראיינען.

נייער פאלקסבלאט **דאס לאדזער לעבען** נייער פאלקסבלאט

פון האנדעלס-געריכט

אקצ. געז. „לאָרענץ און קרושע" אין זגערזש רעגולירט אויף 20 פראָצ.

אין שייכות מיט דעם אופּאַדלאַשטש פֿון דער „אַקצ. געז. מיכאַל גלאַזער", האָט זיך גע־פֿיהרט אַ קאַמף ארום דער קאַנדידאַטור פֿון סינדיק פֿון דער אופּאַדלאַשטש-מאַסע. מחמת אדוו. מאַקאָוו האָט בעקומען די גרעסטע צאָהל שטימען, און די בעפולמעכטיגטע אַדוואָקאַטען, פֿאַרטרעטער פֿון אַנדערע קרעדיטאָרען האָבען אַנגעוויזען, אַז אַדוו. מאַקאָוו איז אַ פּראַאינטערעסירטע פּערזאָן, מחמת ער איז דער געוועזענער יורידישער ראַטגעבער פֿון דער פירמע גלאַזער, און איז א מיטגליד פֿון דער רעוו. קאָמיסיע פֿון דער אַקצ. געזעלשאַפֿט.

די אַדוואָקאַטען האָבען דערום געפֿאָדערט, אויסצו־שליסען אַדוו. מאַקאָוו פֿון דער אופּאַדלאַשטש-מאַסע און אויף זיין אָרט בעשטימען צוויי סינדיקען: איינעם פֿון די אַדוואָקאַטען און אַ צווייטען אַ סוחר.

אויף דער לעצטער זיצונג, האָט דאָס געריכט די אָנקלאַגע פֿון די אַדוואָקאַטען בעשטעטיגט. אַדוו. מאַקאָוו איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פֿון דער אופּאַדלאַשטש-מאַסע. אַלס סינדיקען זענען געוועהלט געוו. רען אַדוו. טאַיאַקאָווסקי און דער אינדוסטריעלער וואַלטשאַק.

* * *

אויף דער זעלבער זיצונג, איז פּערזעפּנס ליכט געוואָרען אַ׳אופּאַדלאַשטש דעם האָלץ-סוחר עדוואַרד זינגערמאַן (ראַקיטשינער 1).

* * *

אין שייכות מיט דעם אופּאַדלאַשטש פֿון דער אַקצ. געז. „לאָרענץ און קרושע" אין זגערזש, האָט די פירמע אויף דער לעצטער קרעדיטאָרען-פֿער־זאַמלונג געמאַכט אַ רעגולאַציע-פֿאָרשלאַג אויף 20 פּראָצ.

דער פֿאָרשלאַג וועט בעטראַכט ווערען אויף איינער פֿון די נאָהענטסטע זיצונגען פֿון האַנדעלס-געריכט.

ערב א שטרייק פון שפּיין-געוועלבער

פערזאַמלונג פון פּוילישע סוחרים-פעראיין

(2) אין שייכות מיט דער סטאַראָסטווע-פֿער־אָרדנונג וועגען פֿאַרפֿעסטליכען די צענניקעס אין אַלע געוועלבער, איז עהערנעכטען פֿאָרגעקומען אַ גרויסע פֿערזאַמלונג אין פּוילישען סוחרים-פֿאַריין.

נאָכ׳ן רעפֿעראַט פֿון פּרעזעס כאַנדזשינסקי און דער דיסקוסיע סיי וועגען די צענניקעס, סיי וועגען די האַנדעלס-ביכער, האָבען די פֿערזאַמעלטע אָנגענומען פֿאָלגענדע רעזאָלוציעס:

1) כדי אויסצומיידען רעפּרעסיעס מצד דער מאַכט – אויסאַרבייטען די נייע צענניקעס לויט די פֿעראָרדנונגען פֿון דער סטאַראָסטווע (די צענניקעס וועלען שוין טיילווייז אַרויסגעגעבען ווערען היינט)

2) אויפֿפאָדערן אַלע סוחרים-פֿעראיינען, פּוילישע און יודישע, צו אָנהויבען אַ געמיינזאַמע פּראָטעסט-אַקציע, מחמת דאָס אויספֿיהרען די סטאַ־ראָסטווע-פֿעראָרדנונג וועגען צוגויפֿשטעלען די צענניקעס, ווי אויך די פֿאָדערונג פֿון דער פֿינאַנץ־מאַכט צו פֿיהרען ריכטיגע האַנדעלס-בוכהאַלטעריע טרעפֿט אָן אויף אויסערגעוועהנליכע שוועריגקייטען.

3) ווענדען זיך צו דער צענטראַל-מאַכט אין וואַרשאַ מיט בעגרינדעטע מעמאָריאַלען, אין וועלכע עס זאָל ענערגיש פּראָטעסטירט ווערען געגען די פֿרומגערעדטע נייע איינפֿיהרונגען.

4) כדי צו אַקצענטירען די גערעכטע טענות פֿון די סוחרישע ספֿערען, ובפֿרט פֿון די קליין-הענדלערישע און האַנדווערקערישע – אָרגאַניזירען אַ 2-טאָגיגען שטרייק פֿון אַלע שפּיין-געוועלבער (שפּיין-אַרטיקלען, קאָלאָניאַל, יאַטקעס, בעקעריען, דראָגעריעס א.א.וו.)

צוזאַמענצורופֿען אין די נאָהענטסטע טעג נאָך אַ פֿערזאַמלונג מיט׳ן אָנטייל פֿון אַלע סוחרישע אָרגאַניזאַציעס אין לאָדז.

דער טערמין פֿון עווענטועלען שטרייק איז נאָך נישט בעשטימט געוואָרען.

א מענש מיט יושר

א פיינער, א ליטישער, א גאסטפריינדליכער

(2) דער 25-יאָהריגער יוזעף לוטשמינסקי „עט פרוי" (קילינסקיעגאָ 162) האָט דעם היינטי־גען זונטאָג פֿאַרבעטען צו זיך געסט און געמאַכט אַ סעודה כיד המלך מיט געזאַנג, מוזיק און טענץ.

עס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. און אַזוי ווי די יובעל-געשרייען האָבען געגרייכט עד לב השמים, האָבען די שכנים, וועלכע דער ליאַרעם האָט געשטערט שלאָפֿען, געמאַכט אַ ויצעקו.

לוטשמינסקי האָט איינגעפֿונען, אַז די שכנים זענען גערעכט, האָט ער גענומען די געסט און איז מיט זיי אַוועק ווייטער אין דער רעסטאָראַציע אויף אַבראַמאָוויסקיעגאָ-גאַס.

דאָרט האָט זיך אָבער דער מכניס-אורחים צובוצקעט מיט זיינע געסט, און מ׳האָט זיך אָנגע־הויבען צו בעלייגען מיט קלעפּ.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז די געסט זענען גע־ווען אין אַ גרויסער מצהרהייט, און לוטשמינסקי וואָלט גאָר מיאוס אָפּגעשניטען, ווען עס קומט נישט אָן אַ פּאָליציאַנט, און נעהמט זיך פֿאַר איהם אָן...

לוטשמינסקי׳ן האָט אָבער די מעשה פֿאַר־דראָסען: – היתכן? סטייטש? וואָס הייסט עפּיס, דער פּאָליציאַנט גייט פֿערהאַלטען זיינע געסט – האָט ער נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און זיך גענומען שלאָגען דעם פּאָליציאַנט.

ביני לביני זענען אַלע געסט אַנטלאָפֿען.

לוטשמינסקי, דער בעל שמחה אַליין, איז אַרעסטירט.

דריי אויסגעלאסענע טעכטער

ארדנעז אייז א „פרעהליך הייזעל" ביי זיך איז שטוב און ווארפעז ארוים איז גאס זייער אלטעז, פאראליזירטעז פאטער

פּרק ב. שטעהט אין ראַבינאַט און פֿון זיינע אויגען גיסען זיך הייסע טרעהרען. ער, אַ דערוואַקסענער מאַנספּערשוין, וועלכער האָט שוין קינדער אויסצוגעבען, קען זיך נישט איינהאַלטען און וויינט ביטער אין דער אַנוועזענהייט פֿון פֿיל מענשען איבער זיין שרעקליכען גורל.

אַזאַ סצענע האָט געמאַכט אַ שווערען איינ־דרוק, און די דיזשורירענדע מיטגלידער פֿון ראַבי נאַט ווען עס פֿעהלט נישט קיין אַרבייט אין די אויפֿנאַהמס-שעהן, האָבען קודם-כל זיך גענומען צו ערלעדיגען דעם ענין פֿון פּרק ב.

– וואָס איז מיט אייך געשעהען ר׳ יוד, פֿאַרוואָס וויינט איהר אַזוי ביטער?

– פֿאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען, אז מיך האָט אַ שווער אויסטערליש אומגליק געשעהען, א מעשה וואָס טרעפֿט אַמאָל אין הונדערט יאָהר.

און פּרק ב. דערצעהלט:

– איך בין א חסידישער יוד, פֿון דערהיים אויס בין איך דערצויגען געוואָרען אַלס פֿרומער מענש און האָב מיינע 3 טעכטער אויך געגעבען אַזאַ ערציהונג. פּרנסה האָב איך אויך געהאַט שטענדיגע יאָהרען און מיינע קינדער זענען נישט געווען פֿון די ערגסטע. מיין ווייב, די מאַמע פֿון מיינע 3 טעכטער איז געווען, א ליכטיגען גן עדן זאָל זי האָבען, א פֿרומע יודישע פֿרוי און האָט געלעבט און זיך מקריב געווען פֿאַר איהרע קינדער. האָט דער אויבערשטער געוואָלט זי צונעהמען צו זיך און מיט 3 יאָהר צוריק איז זי געשטאָרבען. איך בין געבליבען מיט מיינע 3 טעכטער, וועלכע זענען שוין אַלע געווען דערוואַקסען, די עלטסטע האָט געצעהלט 19 יאָהר און די יונגסטע 16.

– זייט מיין ווייב איז געשטאָרבען, דער־צעהלט ווייטער פּרק ב. איז געוואָרען אַ תּל פֿון מיין גאַנצען הויז. איך אַליין האָב אויפֿגעהערט צו פֿערדינען און בין אינגאַנצען פֿעראָרימט געוואָ־רען. מיינע טעכטער זענען געוואָרען צולאָזען און מיך מעהר נישט געהאָרכט. פֿון אַלע דריי האָט אויך קיינער נישט פֿערדינט. איך בין דעמאָלס געוואָרען אַ שלעכטער טאַטע, וואָס איך האָב גע־טון האָט נישט געטויגט, וואו איך בין געשטאַנען און געגאַנגען איז נישט גוט געווען. זיי האָבען מיך בעהאַנדעלט ווי דעם ערגסטען פֿון די ערגס־טע. איך האָב געשוויגען, איך וועל זיך דאָך נישט אויסשטעלען צו לייטיש געלעכטער, איך וועל דאָך נישט מיין חרפּה אַרויסטראָגען אין גאַס. פּלוצלינג האָב איך בעמערקט, אַז מיינע טעכטער הויבט אָן גוט צו געהען, אין שטוב איז געווען גענוג געלד, מ׳האָט גוט געגעסען און גע־טרונקען, איך האָב נישט געוואוסט פֿון וואַנען ס׳איז געקומען די פּלוצלינגע גאולה און כ׳האָב וועגען דעם געפֿרעגט מיינע טעכטער. זיי האָבען מיך געהייסען האַלטען דאָס מויל און גאָרנישט פֿרעגען, איך האָב פֿאַרגעפֿיהלט, אַז ס׳איז שלעכט, אַז מיינע טעכטער האָבען צוגעטראַכט אַ טייוולי־שען פּלאַן, און איך האָב זיך נישט טועה געווען. מיט יעדען טאָג ווייטער האָב איך געזעהען, ווי מיינע טעכטער ברענגען זיך „געסט" אַהיים. מ׳האָט ביי מיר אין שטוב געמאַכט אַן׳אויסגעלאַ־סען הויז...

דער אַלטער יוד, פּרק ב., האָט זיך אָנגע־הויבען וואַקלען אויף די פֿיס, ער האָט נישט געקענט ווייטער רעדען. ערשט ווען ער האָט זיך אַביסעל בערוהיגט האָט ער ווייטער דערצעהלט.

– מיינע טעכטער האָבען זיך גאָרנישט גע־מאַכט אויס מיינע געוויינען און געשרייען, זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אַז איצט איז זיי גוט און הונגערן ווילען זיי נישט, איך בין א קראַנקער פֿאַראַליזירטער מאַן, איך האָב געמוזט אַנטלויפֿען פֿון דער היים. איך דרעה זיך איצט אַרום איבער די גאַסען, האָב נישט וואו איבערצונעכטיגען און הונגער גאַנצע וואָכען. איך האָב שוין געטראַכט וועגען געהען צו דער פּאָליציי און מעלדען וועגען דעם אַלעם, ווענען וועל איך אָבער [illegible]? וואָס וועל איך דערמיט בעצוועקען? האָב איך בעשלאָ־סען צו קומען אין ראַבינאַט, איך בעקלאָג מיך שוין נישט דערויף, וואָס איך פֿאַל אויפֿ׳ן פּנים פֿון הונגער, וואָס איך שלאָף אויף א טרעפּ אין די גאַס, איך דער געוועזענער גביר פּרק ב. האָב נישט קיין שטיקעל ברויט מיט וואַסער, אָבער ס׳איז פֿערפֿאַלען, איך וויל מען זאָל מיר אַן׳עצה געבען ווי אַזוי צוריקצובעקומען מיינע טעכטער, ווי אַזוי צוריקצוקומען אין הויז. אויב נישט בלייבט מיר נאָר איבער זיך דאָס לעבען צו נעהמען.

דער ראַבינאַט האָט איהם גאָרנישט דערויף געקענט ענטפֿערען נאָר בעדויערען דעם אומגליק־ליכען, אַלטען, פֿאַראַליזירטען פֿאָטער.

דינסטאג **יט** **20** אלול תרצ"ב

סעפּטעמבער

5.51 זון-אויפגאנג
5.49 זון-אונטערגאנג

רעגיסטראַציע פון יאָהר־גאַנג 1914

היינט, דינסטאָג, ד. 20 סעפּט. דאַרפֿען זיך שטעלען צו דער רעגיסטראַציע יונגעלייט פֿונ׳ם יאָהרגאַנג 1914 וואָס וואוינען אויפֿן שטח פֿון 4-טען קאָמיסאַריאַט און זייערע פֿאַמיליען-נעמען הויבען זיך אָן מיט די ליטערעס:

MNOPRS

און די, וואָס וואוינען אין 11-טן קאָמיסאַריאַט און זייערע פֿאַמיליען-נעמען הויבען זיך אָן מיט די ליטערעס:

R S Sz T U W Z Ż

מאָרגען, מיטוואָך, ד. 21 פֿון 4 קאָמיסאַריאַט:

S T U W Z Ż

און פֿון 12 קאָמיסאַריאַט:

A B C D E F G H Ch I J K L Ł M

מ׳דאַרף מיט זיך מיטברענגען אַלע נויטיגע דאָקומענטען.

מלוכה׳שע אונטערשטיצונגען פאַר ארבייטסלאזע

דאָנערשטאָג, דעם 22 ד. ח. הויבט זיך אָן די אויסצאָהלונג פֿון דרינגענדע אונטערשטיצונגען פֿאַר אַרבייטסלאָזע:

דאָנערשטאָג, דעם 22 סעפּטעמבער

A B C D E F G H I J K L Ł

פֿרייטאָג, דעם 23 סעפּטעמבער

M N O P R S T U W Z Ż

רעדוקציעס פון 3 ביז 15 פראַצענט

(2) עס זענען דעפֿיניטיוו פֿעראַנדיגט געוואָ־רען די שטרייקען אין די פֿאַבריקען פֿון „אַלאַרט, רוסאָ און קאָמפּ." און פֿון פּאַל דעסירמאַן".

אין דער ערשטער פֿאַבריק גרייכען די לוין-רעדוקציעס פֿון 3 ביז 15 פּראָצענט און אין דער צווייטער – 15 פּראָצענט.

אַנ׳אָוונד פון פערשידענע קינסטלער
זונטאג, דעם 25-טען ד. ה.
אין טעאטער פילהארמאָניע

א מעדעל אונטער „די רעדער" פון אנ׳אויטא

(2) אויף פּעטריקאָווער 78, איז די 27-יעה־ריגע אירא נויבערג איבערגעפֿאָהרען געוואָרען פֿון אַנ׳אויטאָ. דאָס מעדעל האָט בעקומען שווערע וואונדען אויפֿ׳ן גאַנצען קערפּער און צובראָכען אַ האַנד.

אין אַ שווערען צושטאַנד איז זי אָפּגעפֿיהרט געוואָרען אין קליניק „בעטלעעם".

בעקאנטמאכונג.
די בעוואוסטע און רענאמירטע
קאנקורענץ-פערפומעריע
י. דרוקער
5 זאוואדזקא 5
טעל. 175-92
מאַכט בעקאַנט איהרע געעהרטע קונדשאַפֿט, אַז פֿון 1-טען אויגוסט ה. י. זענען די פּרייזען אויף אַלעראַרט קאָסמעטיק ווייטער רעדוצירט געוואָרען
עמפּפֿעהלט דעם רייכסטען אויסוואַהל פֿון די נייעסטע פּאַריזער פּערפֿומען, די פֿיינסטע פּודערן, טואַלעט-זייפֿען א. א. וו.
בעמערקונג: ענגראָסיסטען בעקומען ספּעציעלען ראַבאַט!!!

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

היינט ביינאַכט דיזשורירען: וו. דאַנצער (זגער־זשער 54), ס. טראַווקאָווסקי (בזשעזשינער 56), ס. גאַרפיין (פילסודסקיעגאָ 54), ס. באַרטאָשעווסקי (פיעטרקאָווער 164), ר. רעמבעלינסקי (אַנ־דזשעיאַ 28), א. שימאַנסקי (פשענדזאַלניאַנאַ 75).

2 פון 375

פרינציפיעלער אורטייל וועגען אַרבייטער-אורלויבען

(2) לויט ווי מיר האָבען שוין געמאָלדען — איז אין די לאָדזער אַרבייטס-געריכטען איינגעפלאָסען אַ קיימא-לן פון 375 אָנקלאָגעס מצד שטריי־קענדע אַרבייטער אין דער פירמע „ברידער פּשי־גורסקי" (סרעבזשינסקאַ 22).

נעכטען זענען פאָרגעקומען די ערשטע צוויי פּראָצעסען וועגען די אורלויבען, און דאָס אַרבייטס־געריכט האָט אין ביידע פאַלען צוגעמשפט די פירמע, אַז זי דאַרף בעצאָהלען די פולע סומען פאַר די אורלויבען, דעקען די געריכטס-קאָסטען, און די פּראָצענטער פון די דאָזיגע סומען.

אַלעס טרעפט זיך

זונטאָג, דעם 25-טען ד. ח.

אין טעאַטער פילהאַרמאָניע

פאַלשע „טעלעפאָן"-קלאַנגען

וועגען רעדוצירען געשפּרעך-אָפּצאָה־לען און סקאַסירען דעם אָפּצאָהל לטובת אַרבייטסלאָזע

(2) לעצטענס האָבען זיך, אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן רעדוצירען די אינסטאַלאַציע-קאָסטען פון טעלעפאָן-אַפּאַראַטען, פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מיט'ן 1 ק. ח. וועלען פאַרקלענערט ווערען די אָפּצאָהלען פאַר איבער-קאָנטינגענט-געשפּרעכען, און אַז די אָפּצאָהלען לטובת די אַרבייטסלאָזע וועלען אויך סקאַסירט ווערען.

ווי מיר דערוויסען זיך, זענען די דאָזיגע קלאַנגען נישט בעגרינדעט און שטימען נישט מיט דער ווירקליכקייט.

אַ קאַפּיע פון זיין אייגען פערד

(2) אויף פּעטריקאָווער 186, האָט דער בעל-עגלה בעריל געלטשיק פון בעלכאַטאָוו, בעקומען אַ קאַפּיע פון זיין אייגען פערד. ביים בעל-עגלה איז צובראָכען געוואָרען אַ ביין.

צופאַל מיט אַ לעהרער

אין דער אַלעי פון יודישען בית-החיים

אין דער אַלעי פון יודישען בית-החיים איז נעכטען געשעהען אַ צופאַל מיט דעם יודישען לעהרער יחזקאל מיהלשטיין (סקלאַדאָווע 9). ער האָט זיך אויסגעגליטשט אַזוי אומגליקליך, אַז די פּאָגאָטאָוויע האָט איהם געמוזט אָפּפיהרען אין פּאָזנאַנסקי'ס שפּיטאָל.

אַ גנבה

(א) פון פעריל ראָזענבערג'ס פּראַלניע (אויף פּאָמאָרסקאַ 7) האָבען גנבים אַרויסגע'גנב'עט פּיראַנקעס, וואָס זענען געגעבען געוואָרען צום וואַשען. דער היזק בעטרעפט 1500 זל.

יודיש טעאַטער אין „פילהאַרמאָניע"

פערבאַנדס-טרופּע פון א. א. פ. אין פּוילען. — אָנפיהרונג: א. בעזמאַן

מאָרגען, מיטוואָך, דעם 21-טען ד. ח. 9 אָוונד

לעצטע אומאָפּרופליכע געזעגענונגס-פאָרשטעלונג

פון די בעליבטע אַרטיסטען

מרים קאַראַלאָווא, וו. קאַמבאַראָוו און אַדאָלף טעפּנער

2 פאָרשטעלונגען פאַר 1 בילעט!!!

הומאָר! ● געזאַנג! ● טענץ!

1) די זעהר בעליבטע קאָמישע אָפּערעטע מיט מרים קאַראַלאָווא

דעם בעקער'ס טעכטערל

